גליון
# באור החיים
פרשת תזריע-טהרה - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתע"ו

יתנא לאור ע"י
איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב
לע"נ הרה"ח ר' **יהושע שלום** ב"ר **יהודה עזריאל ואסתר** ע"ה ראטטער
היארצייט ביום א' אח"ק - ב' לחודש אייר הבעל"ט
**נתנדב על ידי בנו אב"ד קלוזש שליט"א**
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יעקב אליעזר מערמעלשטיין** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### תזריע

## ע"י היסורים הנגע מתהפך לעונג

**אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת.**

אמרו חז"ל במדרש וזה לשונם אמר רב הונא בשם רבי יהושע בר אבין וכו', אין בעל הרחמים נוגע בנפשות תחלה, ואף נגעים הבאים על האדם תחלה הן באים בביתו וכו', לא חזר הרי הן באים על בגדיו וכו', לא חזר בו, הרי הן באים על גופו, חזר בו יטהר, ואם לאו בדד ישב, ע"כ. הרי שמטרת כל הנגעים היתה, כדי לעורר את האדם לשוב על חטאותיו.

הנה להלן בפסוק ונתתי נגע צרעת בבית וגו', פרש"י הק' מדברי חז"ל, בשורה היא להם שהנגעים באים עליהם, לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם, כל ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר, ועל ידי הנגע ניתץ הבית ומוצאן, ע"כ. נמצא כי נגעי בתים באו כדי לגלות להם מטמוניות, והיאך יתקיימו שני מאמרים אלו, הנראים כסותרים זה את זה.

ויש לבאר הענין בזה על פי מה שאמרו חז"ל (ברכות פ"ט מ"ה) חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, וזה צריך ביאור, היאך חייבו חז"ל דבר קשה כזה דאין שייך רק ליחידי סגולה.

אלא הפירוש חייב אדם לברך על הרעה, אין הכוונה כי מיד בעת הצרה חייב לברך את ה' כמו על הטובה, אלא שמתוך הצרה חייב להתעורר בתשובה, ומתוך כך יזכה שהיסורים יתהפכו לטובה, ואז יוכל לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, וזהו ג"כ בהנגעים כי ודאי מתחלה באים הנגעים על האדם להזכירו שישיב, ואם הוא מתעורר על ידי זה יתהפך לו לטובה ויזכה למצוא על ידו מטמוניות, והנגע עצמו נתהפך לעונג.

(פתג"ק תזריע)

### מצורע

## מיד כשמתחיל בתשובה הוא נתקרב אל ה'

**זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו והובא אל הכהן.**

נראה לפרש בדרך רמז, 'ביום טהרתו', היינו ביום שהאדם בא להיטהר, אף שעדיין לא נטהר ועדיין הוא משוקע כעת בחלאת הזוהמא והטומאה, בכל זאת, 'והובא אל הכהן', בזה לבד שבא ליטהר הוא מוכן ומזומן לבוא לדרגת הקדושה, ותיכף הוא ראוי להתקרב אל הקב"ה שנקרא כהן, כמו שאמרו חז"ל (סנהדרין ל"ט א') אלקיכם כהן הוא.

(פתג"ק ויגש)

פרנס פעולות האיחוד לחודש אייר
נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר לב טוב ומטיב לכל רודף צדקה וחסד מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
מוה"ר **חיים יחנן כהנא** הי"ו
לעילוי נשמת זקינו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' **ישראל משה דוד** בן ר' **יחזקאל** ע"ה רייזלער
היארצייט חל ביום ט' אייר הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' לייב קופטשיק שליט"א (טאהש)
לע"נ אמו האה"ח מרת פריידא מילכה ב"ר חיים שמחה בונם ע"ה - ג' אייר
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## פרשת תזריע

## דורך מרבה זיין בתשובה שלימה ווערט נתקרב ביאת המשיח

וידבר ה' אל משה לאמר, דבר אל בני ישראל לאמר אשה כי תזריע וילדה זכר וגו' וביום השמיני ימול בשר ערלתו. שטעלן זיך שוין חז"ל אויף דעם (נדה מ' ע"א) פארוואס דארף שטיין כי תזריע וילדה זכר, ס'וואלט געקענט שטיין אשה כי תלד זכר.

אויך דארף מען פארשטיין דעם המשך הפסוק וביום השמיני ימול בשר ערלתו, ווי קומט דאס אריין אינמיטן די פרשה פון ימי טומאה וטהרה פון א יולדת, די מצות מילה שטייט דאך שוין באריכות אין פרשת לך לך.

נאר מ'זעט אין פרשת בראשית, ביי בריאת העולם שטייט (בראשית ב' ה') וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ וכל עשב בשדה טרם יצמח וגו' ואדם אין לעבוד את האדמה. זאגט רש"י הק', טרם יהיה בארץ, עדיין לא היה בארץ כשנגמרה בריאת העולם וכו', וכל עשב השדה עדיין לא צמח, ובשלישי שכתוב ותוצא הארץ, לא יצאו אלא על פתח הקרקע, עמדו עד יום ו', ולמה וכו' לפי שאדם אין לעבוד את האדמה וכו', וכשבא אדם וידע שהם צורך לעולם התפלל עליהם וירדו, וצמחו האילנות והדשאים.

זעהן מיר אז די בריאה פון די וועלט האט נישט געקענט ארויסקומען מכח אל הפועל, נאר דורך דעם וואס מ'האט מעורר געווען פון דא אונטן, ווייל דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט דעם גאנצן סדר הבריאה אזוי, אז יעדע זאך זאל גיין קודם מיט אן אתערותא דלתתא, אלע תיקונים און אלע השפעות אויף דער וועלט גייען לויט ווי אזוי מ'איז מעורר פון דא אונטן, אזוי איז געבויעט די גאנצע סדר השתלשלות העולמות, ווי דער זוה"ק זאגט דאס לשון (ח"ב ל"א ע"ב) באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא, אלעס ווענדט זיך ווי אזוי מ'איז מעורר פון דא אונטן.

ממילא אויב אידישע קינדער פירן זיך דא אונטן ווי ס'דארף צו זיין, קומען אראפ פון אויבן השפעות טובות, השפעות פון חסד ורחמים, אויב מ'פירט זיך אבער חלילה נישט ווי ס'דארף צו זיין, קומען די השפעות נישט אראפ ווי ס'דארף צו זיין, און פון דעם קומען ארויס די אלע שוועריגקייטן און מיטמאכענישן. און דאס איז מרומז אינעם פסוק (בראשית כ"ח י"ב) והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו, מלאכי אלהים איז מרמז אויף די השפעות פון די עולמות מתתא לעילא און מעילא לתתא, דאס איז עולים ויורדים בו, זאגט רש"י הק', עולים תחלה ואחר כך יורדים, קודם דארף מען מעלה זיין מיין נוקבין פון דא אונטן, מען דארף מעורר זיין מתתא לעילא, נאכדעם קען זיין יורדים בו, קען אראפקומען מיין דוכרין, וואס דאס איז די השפעות פון אויבן.

מיט דעם זאגן די ספרים הקדושים א הסבר אויף דעם וואס מ'זעט אין פרשת יתרו, יתרו האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות י"ח י"ד) מדוע אתה יושב לבדך וכל העם נצב עליך מן בוקר עד ערב, לא טוב הדבר אשר אתה עושה, ס'טויג נישט אזוי, דו וועסט דאס נישט דערהייבן, איעצן ויהי אלהים עמיך וגו' ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל וגו', און משה האט געפרעגט דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט מסכים געווען.

דארף מען לכאורה פארשטיין, אויב דאס איז געווען דער ריכטיגער וועג ווי אזוי ס'האט געדארפט צוגיין, אז מ'זאל שטעלן די אנשי חיל יראי אלהים זיי זאלן ארויסהעלפן צו פירן כלל ישראל, פארוואס האט דער אייבערשטער נישט פריער געזאגט פאר משה'ן דאס צו טון, אדער וואלט דער אייבערשטער געקענט אריינגעבן בדעתו של משה ער זאל וועלן אזוי טון, פארוואס האט דאס געדארפט גיין אויף דעם אופן אז יתרו זאל אזוי הייסן, און ווי נאר ער האט אזוי געהייסן, האט דער רבוש"ע שוין מסכים געווען.

זאגן די ספרים הקדושים אז לעולם האט טאקע דער אייבערשטער געוואלט ס'זאל אזוי צוגיין, מ'זאל שטעלן די אנשי חיל, דאס איז געווען דער סדר התיקון. אבער די תיקונים האבן נישט געקענט ווערן נאר דורך אן אתערותא דלתתא, ווייל קיין שום זאך קען נישט גיין אן דעם וואס מ'זאל פון דא אונטן אליין אזוי בוחר זיין, דער גאנצער עולם העשיה איז אן עולם הבירור (פרע"ח שער א' פרק ז'), אויף דער וועלט דארפן מיר אליין מברר זיין און מתקן זיין אלע תיקונים, קיין שום זאך קען נישט געטון ווערן פון אויבן נאר דורכדעם וואס אונז זענען דאס מעורר באתערותא דלתתא, אויב ס'גייט פון אויבן אליין איז דאס נישט קיין תיקון. ממילא כאטש מ'האט טאקע געדארפט שטעלן די אנשי חיל יראי אלקים, האט אבער געדארפט זיין מ'זאל עס פון דא אונטן פארלאנגען,

תלמוד תורה
טאהש
מאנסי יצ"ו

זכות כל הלימודים בשבוע זו
פרשת אחרי קדושים
יהא מוקדש לזכות ולעילוי נשמת
הרב החסיד המרומם
רבי יהושע שלום ב"ר
יהודה עזריאל ואסתר ז"ל
(ראטטער)
היארצייט חל ביום א' -ב' לחודש אייר

זכות הלמודים וזכות התפילות וזכות רבותינו הקדושים ימליצו טוב בעד נשמתו בגן עדן ובעד משפחתו החשובה העומדים תמיד לימין רבותינו ולימין מוסדותינו הקדושים עץ חיים היא למחזיקים בה אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר בכבוד ונזכה להמשיך פעולות הכבירים מתוך נחת והרחבת הדעת עד ביאת הגואל בב"א.

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**באדם ובבהמה, סיי ווען מען איז עוסק אין רוחניות, און סיי ווען מען איז עוסק אין גשמיות, לי הוא דארף מען אינזין האבן פארן אייבערשטן.** (פתג"ק ח"ב ל"ט)

און אזוי ווי יתרו האט נאר מעורר געווען און פארלאנגט ס'זאל אזוי גיין, האט מען שוין געקענט טון אזוי, ווייל מ'האט נאר געווארט אויף אן אתערותא דלתתא.

דאס אלעס לערנט אונז אז באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא, די הנהגה פון די גאנצע וועלט גייט לויט ווי אזוי אידישע קינדער פירן זיך דא אונטן.

און אזוי אויך די גאולה העתידה אויף וואס כלל ישראל ווארט שוין אזוי לאנג, איז אויך תלוי אין אונזערע מעשים, אלעס ווענדט זיך לויט ווי אזוי אידישע קינדער זענען מעורר פון דא אונטן, ווי חז"ל זאגן (סנהדרין צ"ז ע"ב) אין ישראל נגאלין אלא בתשובה, די גאולה קען נישט זיין נאר דורך דעם וואס אידישע קינדער וועלן תשובה טון און זיך צוריקכאפן צום אייבערשטן, ווי דער אייבערשטער זאגט (מלאכי ג' ז') שובו אלי ואשובה אליכם, קערסט ענק צוריק און זייטס ענק מקרב צו מיר דורך תשובה ומעשים טובים, דעמאלטס ואשובה אליכם, וועל איך קענען צוריק קומען צו ענק, ווייל א אתערותא דלתתא מוז זיין, דער אייבערשטער אליין וואלט שוין זייער געוואלט ברענגען די גאולה, אלע ברואים ווארטן דאך שוין אויף די גאולה, און דער אייבערשטער וואלט אונז אין איין מינוט געקענט אויסלייזן, אבער אן א אתערותא דלתתא קען עס נישט גיין.

דאס איז די תורה הקדושה מרמז מיט'ן לשון אשה כי תזריע וילדה זכר. אשה איז מרמז אויף כנסת ישראל, כנסת ישראל ווערט אנגערופן אשה, ווי מ'זאג מיר (פיוט אל מסתתר) כנסת ישראל כלה קרואה בנעימה, זאגט דער פסוק, אשה כי תזריע, קודם דארף זיין אז כנסת ישראל זאלן דא אונטן אנזייען מיט אן אתערותא דלתתא, אידישע קינדער זאלן מעורר זיין מיין נוקבין פון דא אונטן, אזוי קען זיין וילדה זכר, זכר איז בחינת משפיע, אזוי קען אראפ קומען השפעות פון אויבן, די השפעות פון אויבן קומען לויט ווי אזוי אידן זענען

מעורר פון דא אונטן, באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא.

זאגט דער פסוק ווייטער, אז די זעלבע זאך איז לגבי די גאולה העתידה, דורך אשה כי תזריע, דורכדעם וואס כנסת ישראל, בחינת אשה, וועט מעורר זיין פון דא אונטן, דורכדעם וועט זיין וביום השמיני ימול בשר ערלתו, וביום השמיני איז מרמז אויף זמן הגאולה, נאכ'ן אלף השביעי לעולם הבא, וואס ס'ווערט אנגערופן אלף השמיני, דעמאלטס וועט זיין ימול בשר ערלתו, די כח הקליפה וועט אינגאנצן נכרת ווערן, אלע כוחות הטומאה וועלן בטל ווערן, דאס אלעס וועט זיין דורך אשה כי תזריע, דורכדעם וואס כנסת ישראל וועט מעורר זיין פון דא אונטן בתשובה שלימה.

*

## פרשת טהרה

## די נגעים קומען אויף א מענטש צוליב דיבורים לא טובים, און צוליב וואס מען האלט זיך צוריק פון רעדן דברי מוסר

וצוה הכהן ולקח למטהר שתי צפרים חיות טהורות ועץ ארז ושני תולעת ואזוב, פרש"י הק' ועץ ארז לפי שהנגעים באים על גסות הרוח, ושני תולעת ואזוב מה תקנתו ויתרפא ישפיל עצמו מגאות כתולעת וכאזוב.

איז קומט אויס פון דעם, אז די עץ ארז איז געקומען מרמז זיין וואס זיין חטא איז געווען, וואס וועגן דעם איז די צרעת געקומען, און די תולעת ואזוב קומט אים מרמז זיין וואס זיין תיקון איז, וואס דורכדעם וועט ער ריין ווערן פון די צרעת, און מ'קען מפרש זיין אז אויך די תולעת ואזוב זענען געקומען אים מרמז צו זיין, זיין חטא וואס וועגן דעם איז ער געשלאגן געווארן, לויט ווי עס שטייט אין זוה"ק (פרשת תזריע) וז"ל: כְּמָה דְעוֹנְשָׁא דְּהַאי בַּר נָשׁ בְּגִין מִלָּה בִּישָׁא, כַּךְ עוֹנְשֵׁיהּ בְּגִין מִלָּה טָבָא, דְּקָאתֵי לִידֵיהּ, וְיָכִיל לְמַלְלָא, וְלָא מַלִּיל. בְּגִין דְּפָגִים לְהַהוּא רוּחָא מְמַלְלָא, דְּהִיא אִתְתְּקָנַת לְמַלְלָא לְעֵילָּא, וּלְמַלְלָא לְתַתָּא, וְכֹלָּא בִּקְדוּשָּׁה. כָּל שֶׁכֵּן אִי עַמָּא אַזְלִין בְּאוֹרְחָא עֲקִימָא, וְהוּא יָכִיל לְמַלְלָא לְהוּ וּלְאוֹכָחָא לְהוּ, וְשָׁתִיק וְלָא מַלִּיל, כְּמָה דַּאֲמֵינָא דִּכְתִיב, נֶאֱלַמְתִּי דוּמִיָּה הֶחֱשֵׁיתִי מִטּוֹב וּכְאֵבִי נֶעְכָּר. נֶעְכָּר בְּמַכְתְּשִׁין דִּמְסָאֲבוּתָא עכ"ל.

זעה מיר פון דעם א מורא'דיגע זאך אז אזוי ווי די נגעים קומען דורכ'ן פוגם זיין די מויל מיט נישט גוטע ווערטער, אזוי אויך קומען די נגעים אויפ'ן זיך צוריקהאלטן פון רעדן גוטע ווערטער אין א פלאץ וואס ער דארף מוכיח זיין און זאגן מוסר און זיי צוריקברענגען צום גוטן וועג, און ער האלט זיך צוריק וועגן זיין שפלות און ענווה, אזוי ווי דער זוה"ק זאגט 'החשיתי מטוב' ער שווייגט פון רעדן גוטע ווערטער און וועגן דעם 'וכאבי נער', קומט אויף אים נגעים און יסורים, ווייל אין א פלאץ וואס דער מענטש קען פועל'ן מיט זיינע דיבורים גוטע זאכן, טאר ער זיך נישט צוריקהאלטן און שווייגן, ווייל וויאזוי קען ער מעלים עין זיין ווען ער זעהט מענטשן זענען מצער דעם אייבערשטען, ער טוט מיט זיי די גרעסטע שלעכטס, דורך דעם וואס ער לאזט זיי ווייטער זיך טועה זיין מיט נישט גוטע וועגן, און אויב איז ער זיי מוכיח אויף זייערע מעשים טוט ער מיט זיי די גרעסטע טובה, דורכדעם וואס ער ברענגט זיי צוריק צום דרך השם.

און לויט קען מען זאגן, אז די תולעת ואזוב קומען מרמז זיין פארן מצורע, אז די צרעת איז געקומען אויף איהם ווייל ער האט זיך צוריק געהאלטן פון מוכיח זיין און רעדן גוטע ווערטער, וועגן זיין שפלות רוח, און ער האט געקענט מיט דעם מחזק זיין לבבות ישראל און זיי צוריקברענגען צום דרך הישר.

(עבודת עבודה פתג"ק)

# ניצוצי קודש

תוכן דברות קודש ששמענו מאת
כ"ק מרן רבינו שליט"א

## בעת רעוא דרעוין שב"ק פר' שמיני העל"ט

**ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ה' תעשו וכו'.** צריכין להבין דכבר אמר משה לכולם מה שצוה ה', ויאמר אל אהרן קח לך עגל בן בקר וכו', ואל בני ישראל קחו שעיר עזים וכו', ומה בא משה להוסיף כאן.

והנה במדרש מובא מסורה, 'זה הדבר' אשר צוה ה', 'זה הדבר' אשר מל יהושע. ובילקוט מובא, 'זה הדבר', אמר משה לישראל, אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם, ותהיו כולכם ביראה אחת ובעצה אחת וכו', דכתיב ומלתם את ערלת לבבכם, ואם עשיתם זה וירא אליכם כבוד ה' ע"כ. וצריכין לבאר מהו אותו יצר הרע, ומהו ביראה אחת ובעצה אחת, ומהו השייכות בין זה לענין הפרשה.

הנה מצינו בדברי רבותינו הק' בספריה"ק ובפרט בספה"ק חובת הלבבות שהיצר הרע בא אל האדם לפני שעושה מצוה ומפתה אותו שלא לעשותו, ואם רואה היצר אח"כ שהאדם אינו נתפעל ממנו ועושה מצותו, אז מביא בלבבו מחשבות של התפארות וגאות, שיחשוב כמה גדול חשיבותו.

וכשרצו בני ישראל להביא נדבתם לתרומת המשכן בא אליהם היצר לפתותם כדרכו שלא יביאו מנכסיהם לתרומת המשכן, ומובן מאליו שהיות שאמר להם משה שהשי"ת צוה לבנות משכן לשמו, ושבני ישראל יביאו נדבותם, לא שמעו אל היצר וכולם הביאו נדבותם. ואז כשראה היצר שכולם הביאו נדבותם ולא שמעו אליו, בא אליהם במחשבות של גאות והתפארות.

לזה אמר להם משה 'זה הדבר אשר צוה ה' תעשו וירא עליכם כבוד ה'', בעת אשר תבואו לבנות המשכן שעי"ז ירא אליכם כבוד ה', כדכתיב ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בעת כזאת יבא אליכם היצר הרע, ומקודם יפתה אתכם שלא לעשות, ואח"כ להתפאר את עצמכם בגאות, לכן 'אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם', רק אז וירא אליכם כבוד ה'.

הננו עומדין עכשיו ימים ספורים אחר הפסח, ביום טוב פסח אמרנו 'חסל סדור פסח', ופירשו התלמידי בעש"ט זי"ע, שתיבת 'חסל' הוא אותיות 'סלח'.

פירושו הוא, דבימים הנוראים ראש השנה ויום הקדוש עושין תשובה מיראה, ובימי הפסח עושין תשובה מאהבה, ואמרו התלמידי בעש"ט זי"ע שבימים הנוראים הולכין בני ישראל אל המים, ומשליכין שם עוונותיהם, לפי שע"י תשובה מיראה נעשין הזדונות עכ"פ לשגגות ואפי' בשגגות אין אנו רוצין, ובימי הפסח הולכין שוב אל המים לשאוב מים שלנו, שאז הוא זמן של אהבה, ששם הוי"ה מאירין כסדרן, וגם ביום טוב פסח הוא זמן שהשי"ת מגלה אהבתו אל בני ישראל, ובני ישראל מגלין אהבתם אליו ית', ועושין תשובה מאהבה, לכן אז אפי' הזדונות נעשו זכיות, לכן שואבין ונוטלין שוב הזכיות מן המים שזרקו שם בימי חודש תשרי.

ומובא שמי ששומר את עצמו ממשהו חמץ בפסח, משמרין אותו עי"ז שיהא נשמר כל השנה כולה מן החמץ דהיינו היצר הרע.

וזהו חסל סדור פסח כהלכתו, 'חסל' אותיות 'סלח', חסל סדור פסח - אם סדרת את הפסח כהלכתו, ששמרת את עצמך ממשהו חמץ היינו היצר הרע ועשית תשובה מאהבה, אזי השי"ת סולך לך, ולא עוד, אלא 'כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו', שישמור אותך להיות נשמר מן היצר הרע בכל השנה כולה. אבל הכל הוא רק אם מחזיקין עם התורה הק', וזהו 'ז"ך שוכן מעונה', הכל הוא רק אם מחזיקין עם הז"ך היינו התורה הק', שז"ך בגי' כ"ב אותיות התורה עם חמש אותיות מנצפ"ך.

הלא כולנו רוצין לזכות להיות נשמר בכל השנה ממשהו חמץ, לכן עכשיו אחר ימי הפסח כשכל אחד מתחיל זמן החדש על מקומו, צריכין להחזיק בכח התורה, ואז יהא כאשר זכינו לסדר 'אותו' כן נזכה לעשותו בכל השנה, וזה אמר משה 'אותו' יצר הרע תעבירו מלבבכם בכל השנה כולה ותחזיקו עצמיכם בהתורה הק'.

הנה כתוב בשירת הים 'אז ישיר משה', וקשה למה דייקא אז התחילו לשיר ולא ביציאת מצרים. אך הענין הוא, שתכלית יציאת מצרים היה כדי שיקבלו בני ישראל את התורה, כדכתיב 'בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה', כדי שהתורה יתקיים בידם היו צריכין מקודם לירא את השם, שכל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, וכשיצאו ממצרים לא היתה להם יראת שמים כדבעי, שהיתה להם גם פחד אחר, ואמרו 'המבלי אין קברים במצרים לקחתנו למות במדבר, ולא ייראו רק מהשי"ת, ורק אח"כ כשראו הניסים של קריעת הים, אז 'ויראו העם את ה'', אז ייראו כולם רק מהשי"ת, לכן דייקא 'אז ישיר משה', לפי שכבר היתה להם יראת חטאו קודמת לחכמתו, ונעשו מוכנים לקבל התורה ולהתקיים עמו, דייקא אז נשלם השמחה של יציאת מצרים. וזהו ותהיו כולכם ביראה אחת.

עוד אמר משה ותהיו כולכם וכו' ובעצה אחת, שכל אחד יציית לעצת חבירו, ודבר זה הוא דבר קשה מאד מאד, וכל אחד צריך לשבר את רצונו לרצון חבירו. כמו שכתוב במתן תורה 'ויחן שם ישראל' בלשון יחיד, שחנו שם באחדות כאיש אחד בלב אחד, כדי לקבל התורה צריכין להיות באחדות.

הלא נמצאין אנו בימי הספירה, חז"ל אומרין שבימי הספירה מתו כ"ד אלפים זווגים תלמידים מתלמידי רבי עקיבא, שלא נהגו כבוד זה לזה, למה מתו דוקא בימי הספירה, לפי שכדי לקבל התורה צריכין להיות בעצה אחת. וזה אמר משה ותהיו כולכם בעצה אחת, כדי שתוכלו לקבל התורה.

בפרשת נדב ואביהוא קשה למה אמר הכתוב ויקחו בני אהרן נדב ואביהוא וכו', וכי לא יודעין אנו שהן בני אהרן. פירוש אחד מהרבה שפירשו רבותינו ז"ל על מה שמתו, שהתורה מרמז שחטאם היה שעשו פעולה מדעת עצמם, וזה אמר הכתוב 'בני אהרן', הלא היו בניו של אהרן ואפי' הכי לא שאלו ממנו האם לעשות כן, ולפי שלא שאלו עצה מאהרן ומשה נענשו.

והנה כדי שיוכל האדם להיות בעצה

אחת עם כל ישראל, הדרך הנכונה הוא, שכשיש לאדם ספק צריך לשאול עצה מרבו, וצריך לעשות כהוראת רבו, וכן צריכין לעשות כהוראת אביו או הדומ"ץ שהוא רגיל אצלו, ובכל אופן שבני אדם אינם מונעין אותו מלעשות כהוראת רבו וכדו' בודאי צריך להיות בעצה אחת עמהם, אבל אם הם מסיתין אותו שלא לציית את רבו, לא ישמע אליהם ולא עמהם בעצה אחת, רק יעשה כהוראת רבו. ולכך נענשו נדב ואביהוא, שלא שאלו עצת רבם, ולא היו בעצה אחת כדבעי.

הקב"ה המית אותם אפילו שהיה הדבר קשה בעיניו, לפי שהיה ביום הראשון להקמת המשכן, וכדי להקים המשכן צריכין להיות בעצה אחת, וכן לקבל התורה, ולפי שלא נהגו נדב ואביהוא וכ"ד אלף תלמידי רבי עקיבא בעצה אחת כדבעי, הצריך השי"ת להוציאם מן העולם, כדי להקים המשכן, וכדי שיהיו מוכנים למתן תורה. וכמו במשל גשמי כשמחנכין בנין חדש ובאין שם תינוקות ביום הראשון ומטנפין הבנין, אזי תיכף מטרידין אותן משם, כמו כן כאן חנכו משכן חדש, וביום הראשון באו נדב ואביהוא ולא נהגו כהוראת רבם, לכן הוציאם הקב"ה מן העולם.

לא נענשו משום שלא עשו כהוראת רבם, אלא משום שלא שאלו אותו כלל. וכן מובא בחז"ל אמר רבי עקיבא בני ישראל נמשלו לעוף, עוף אינו יכול לעוף בלי הכנפים, והכנפים מגין על העוף שלא ינזק, **"אויב א מענטש איז נישט צוגעבינדן צו א צדיק, אז ער האט נישט קיין רבי, אז ער באלאנגט נישט צו א רב אדער צו א דיין טויג עס נישט"**, אדם כזה נופל ואינו יכול לעמוד.

וכן מובא בהגדה של פסח החילוק בין בן רשע ובן חכם והתם, דשאלת הרשע כתיב בתורה בלשון אמירה, כדכתיב 'והיה כי יאמרו אליכם בניכם אחריכם מה העבודה הזאת לכם ואמרתם זבח פסח הוא לה'', ובסוף פר' בא כתיב שאלת התם בלשון שאלה, 'והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת', וכן אצל החכם כתיב 'כי ישאלך בנך מחר לאמר מה העדות והחוקים וכו''.

משום דכששואלין הצדיק והרבי והמורה דרך שהוא דבוק אליו צריכין לשאול בהכנעה ובדרך ארץ, לכן כתיב שאלת החכם והתם בלשון שאלה, שהם שואלין האב והרב בדרך ארץ, אבל שאלת הרשע שהוא אינו מקושר לצדיק כתיב לשון אמירה שהוא מורה על שאילה בדרך זלזול ורקות.

וסופו של הרשע גם כן אינו דומה לסופם של החכם והתם, כמו שרואין שתשובת החכם הוא 'עבדים היינו וכו'', ותשובת התם הוא גם תשובה כהוגן 'בחוזק הוציאנו וכו'', שלפי שהחכם הוא אדם כשר ואפי' התם לפי ששואל והולך בתמימות יזכו להתקרב אל השי"ת, וגם יזכה לכל טוב, מה שאין כן אצל הרשע ל"ע, כמו שרואין שתשובת הרשע הוא 'ואמרתם זבח פסח', שהוא תשובה שהוא רק לסתום את פיו, ואין צריכין לעסוק עמו כל כך, והכל הוא לפי שאינו דבוק לחכמים ואינו שואל בדרך ארץ.

*

עכשיו כשכבר היינו בימי הפסח ביראה אחת ובעצה אחת, ושרפנו אותו היצר הרע, וכבר שאבנו ממעינות הזכיות, צריכין להמשיך בזה, עכשיו הוא הזמן המוכשר ביותר לזה, שכולנו מלאים ממצוות ומיראת שמים, לכן צריכין עכשיו לקיים דברי משה 'אותו יצר הרע תעבירו ותהיו כולכם ביראה אחת'.

והשי"ת יעזור שזה יהיה הסדר לכל השנה כולה, ובאתערותא דידן יתער לעילא, ונזכה ש'כימי צאתנו מארץ מצרים אראנו נפלאות'. וכמו שפירש ע"ז הרה"ק מ'בארדיטשוב זי"ע במשל, כמו איש אחד שקשה לו מאד פרנסתו, ובפעם אחד הרויח חמש אלפים, אז הוא שומח עשה בשמחה גדולה, ואח"כ אפילו כשכבר כלו המעות וסובל שוב בפרנסתו ומרויח עוד הפעם חמש אלפים אינו משמחו כמו בפעם הראשון, שאין זה חידש לו, רק כשירויח יותר מקודם ישמח בשמחה גדולה כמו השמחה כשהרויח בפעם הראשון.

כמו כן זה שכתוב 'כימי צאתנו מארץ מצרים אראנו נפלאות' פירוש, שכמו אז כאשר לא היה לישראל במצרים מאומה בין ברוחניות ובין בגשמיות, ואז נתן להם השי"ת השפעות טובות ושמחו בשמחה גדולה, כן גם עכשיו כאשר כבר יש לנו התורה הק', ישפיע לנו השי"ת עוד יותר ויותר כדי שהשמחה יהיה 'כימי צאתנו מארץ מצרים'.

בפרט כהיום יום 'וואס די נסיונות זענען שרעקליך', הם קשים עוד יותר מבמצרים, וכאשר יקבל אדם את התורה על עצמו וילחם עם יצרו בימינו עתה, בוודאי שישפיע השי"ת לו השפעות רבות וטובות יותר מבעת יציאת מצרים, וישפיע לו השפעות בהרחבה גדולה ברוחניות ובגשמיות, בבני חיי ומזוני, והצלחה בכל הענינים.

אפילו כשכבר עושין כן, צריכין להמשיך בזה, שבאתערותא דלתתא יהי' אתערותא דלעילא, עד שנזכה לביאת גואל צדק בב"א.



המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **משה מרדכי פריעדמאן** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' בנימין נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## פרשת תזריע

### אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת והיה בעור בשרו לנגע צרעת והובא אל אהרן הכהן.

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הק' אז די סיבה פארוואס עס קען אסאך מאל זיין אז א מענטש באקומט א הרהור תשובה, אבער עס בלייבט נישט אויף לאנג, וויבאלד דער מענטש האט נאך נישט מתקן געווען זיינע חטאים, און ער האט טיף אינעווייניג עפעס א נגע וואס ער האט נאך נישט מתקן געווען, דער עצה דערצו איז, אז ער זאל זיך מתחבר זיין צום צדיק הדור, כדי אז ער זאל איהם צוברענגען צום אמת'ער תשובה, און אזוי וועט דער דערהויבענקייט בלייבן ביי איהם.

דאס איז די תורה הק' מרמז, אדם כי יהיה בעור בשרו 'שאת' א דערהויבנקייט, 'ספחת' א דביקות און באהעפטונג 'או בהרת' א קלארקייט ער קען אפילו אין יענע מינוט משיג זיין גרויסע ענינים, אבער 'בעור בשרו' עס איז נאר פון דרויסן, און עס איז נישט בפנימיות, איז די סיבה דערצו ווייל 'לנגע צרעת' ער האט ביי זיך חטאים וואס ער האט נאך נישט מתקן געווען, און די עצה דערצו איז 'והובא אל אהרן הכהן' ער זאל גיין צום צדיק הדור, וואס וועט איהם מדריך זיין אויף א גוטע וועג, און איהם אויסלערנען דער ריכטיגע וועג צו תשובה.

(מאור ושמש)

### זאת תהיה תורת המצורע.

דער ווארט 'מצורע' קומט פון די ווערטער 'מוציא רע' ער רעדט שלעכטס, צרעת קומט צוליב די עבירה פון רעדן 'לשון הרע'. לשון הרע איז ערגער ווי הרג'נען א מענטש, ווייל עס איז אזוי ווי ער הרג'ט 3 מענטשן, דער דערציילער, דער אויסהערער, און אויף וועמען מען רעדט.

(מדרש)

## פרשת טהרה

### זאת תהי' תורת המצורע.

די גמ' זאגט אין מס' סנהדרין (דף ל"ט), אז דער אייבערשטער ווערט אנגערופן 'כהן'.

לויט דעם קען מען מרמז זיין, 'זאת תהי' תורת המצורע', דאס איז די הלכה ביי א בעל עבירה - וואס צוליב דעם קומט דאך די נגעים, - 'ביום טהרתו', אין דעם טאג ווען ער וויל זיך רייניגען און תשובה טון, 'והובא אל הכהן', ווערט ער גלייך נאנט צום באשעפער.

(בת עין)

### ועץ ארז ושני תולעת ואזוב.

מען קען זאגן דער טעם פארוואס דער מצורע ברענגט דייקא די מינים, ווייל עס איז מרמז פאר דער מענטש אז כאטש ער דארף זיך האלטן קליין, אבער ווען עס קומט צו עבודת השם זאל ער יא זיין בגיאות און זיך שטארקן אויפן יצר הרע.

דעריבער נעמט מען צוזאמען 'עץ ארז' וואס ווייזט אויף גרויסקייט, 'ושני תולעת ואזוב' וואס איז מרמז אויף שפלות, אים צו ווייזן אז ער זאל אויסניצן ביידע מידות ריכטיג צו עבודת השם יתברך.

(אוהב ישראל)

### ויצא הכהן אל מחוץ למחנה וראה הכהן והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע.

עס שטייט פונעם הייליג'ן אר"י הק', אז על פי דרך הטבע קומט א נגע צו איינער וואס איז שטארק צובראכן (מרה שחורה), און די רפואה צו דעם איז אז ער זאל גיין זיצן צווישן מענטשן און זיך פרייען מיט אנדערע וועט ער אויסגעהיילט ווערן, אבער כדי צו ווייזן אז די נגעים קומען נישט אויפן מענטש וועגן די טבע נאר צוליב זיינע עבירות, האט די תורה געהייסן אז דער מצורע זאל ארויסגיין חוץ לשלשה מחנות, און אינגאנצן אוועקגיין פון מענטשן ער זאל זיך אפילו נישט קענען פרייען, נאר ער זאל ווערן שטארק צובראכן ביי זיך וועגן זיינע עבירות און ער וועט תשובה טוהן, און ווען ער וועט זעהן אז ער וועט אויסגעהיילט ווערן, וועט ער זעהן אז די נגע איז נישט געקומען מדרך הטבע נאר וועגן זיינע עבירות.

דאס איז פשט אין פסוק, 'ויצא הכהן אל מחוץ למחנה', ווי דארט זיצט די מצורע אינגאנצן אפגעזונדערט פון מענטשן, 'וראה' פון דעם קען מען זעהן 'והנה נרפא נגע צרעת' אז דאס וואס ער איז אויסגעהיילט געווארן פון דער צרעת, דאס איז נישט מצד הטבע, נאר 'מן הצרוע' נאר ווייל די מצורע אליין האט תשובה געטוהן.

(אר"י הקדוש)

### על תנוך אוזן המטהר.

עס איז דא פינף מיני לשון הרע'ס, וועגן דעם האט מען געטוהן די אלע זאכן ווי פאלגענד:

1) מיט'ן מויל - ברענגט מען פייגלן וואס רעדן אויך א גאנצן טאג.

2) עס קען זיך מאכן אז ווען מ'פאנגט אן צו רעדן שבחים פון יענעם און אזוי ארום קומט מען צו צו לשון הרע, וועגן דעם ברענגט מען 'עץ ארז' וואס איז הויעך ווייל אזוי האט זיך אנגעפאנגען די לשון הרע.

3) ער איז מקבל לשון הרע מיט די אויער, גיבט מען אויף די 'תנוך אוזן'.

4) ער זעהט ווי מ'רעדט לשון הרע און ער קען מוחה זיין און ער איז נישט מוחה, גיבט מען אויף די האנט ווייל ס'איז געווען 'בידו' למחות.

5) אסאך מאל מיט'ן שווייגן קען מען אויך רעדן לשון הרע, גיסט מען אויל וואס הערט זיך אויך נישט, אבער עס שפירט זיך ווייל ס'לאזט איבער א פעטקייט, און איבעראל גיבט מען בלוט ווייל ער האט פארגאסן אידיש בלוט מיט זיין לשון הרע.

(חיד"א)

### יגלח את כל שערו את ראשו ואת זקנו ואת גבות עיניו.

נגעים קומען צוליב דריי עבירות, גסות הרוח, לשון הרע, און צרות עין, דעריבער דארף זיך די מצורע רייניגן אויף די דריי זאכן, צוליב גאוה, שערט ער זיך די האר פון קאפ, וואס דאס ווייזט אויף גרויסקייט. צוליב דער איסור פון לשון הרע, שערט מען איהם אפ די בארד, וואס דאס נעמט ארום די מויל. און צוליב צרות עין שערט מען איהם אפ די אויגן ברעמען, וואס נעמען ארום די עינים, וואס זיי האבן אים נישט גוט באשיצט.

(כלי יקר)

ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונם בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות,
הלא הוא
מוה"ר **יהוסף אלקנה סג"ל קרויס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט
יקום פרקן מן שמיא, שתזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות לשמה, ויושפע להם משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.
**המברכים: חברי מקהלות המנגנים**

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר ישעי' אשר ארגעל הי"ו (טאראנטא)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## ימי הספירה

### די גרויסקייט פון די טעג פון ספירה

עס איז באקאנט פון די הייליגע ספרים, אז די ימי הספירה, די טעג צווישן פסח און שבועות, זענען אין א בחינה פון גילו ברעדה, א פארבינדונג פון פרייד און טרויער אינאיינעם, פון איין זייט זענען די טעג גאר דערהויבן, זיי פארמאגן אין זיך א קדושת חול המועד, אזוי ווי דער הייליגער רמב"ן שרייבט, (פרשת ויקרא כ"ג ל"ו) מיט דעם לשון: וצוה בחג המצות שבעה ימים בקדושה לפניהם ולאחריהם, כי כולם קדושים ובתוכם ה', ומנה תשעה וארבעים יום, וקדש יום שמיני [והוא חג השבועות] כשמיני של חג, והימים הספורים בינתים הם כחולו של מועד, בין הראשון והשמיני בחג, והוא יום מתן תורה, ולכך קראו רבותינו ז"ל בכל מקום חג השבועות עצרת, כי הוא כיום שמיני של חג שקראו הכתוב כן.

דער הייליגער רמב"ן זאגט דא, אז פסח און שבועות ווערן גערעכנט ווי איין לאנגע יום טוב, ווייל דער עיקר ציל פון יציאת מצרים איז דאך געווען וועגן קבלת התורה, איבערדעם ווערט די גאנצע יום טוב פסח גערעכנט פאר די ערשטע טאג פונעם יום טוב, און שבועות פאר די צווייטע טאג, און די טעג צווישן פסח און שבועות, זענען אזוי ווי חול המועד, וואס די אלע טעג זענען אזוי ווי איין לאנגע יום טוב פון קבלת התורה.

און דאס זעלבע שרייבט דער רבינו בחיי (פרשת אמור) לא הזכירה התורה חג שבועות ביחוד כשאר החגים, ושיאמר כן "בחודש השלישי בשישי בו חג השבועות", כמו שאמר בפסח "בחמשה עשר יום לחודש הזה חג המצות", בא ללמד, כי הוא חג נגרר אחר מצות העומר, ומ"ט יום הספורים בין ראשון של פסח עד השבועות, הנה הם כחול המועד בין ראשון של סוכות ושמיני עצרת.

אויך איז באקאנט פון רבי ר' הערש רימנוב'ער זי"ע, אז די אלע טעג ביז קבלת התורה, האבן די אידן געווארט ווען וועלן זיי שוין האבן די זכיה מקבל צו זיין די תורה, און זיי האבן מתפלל געווען "והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך", זיי זענען געווען גליקליך אז זיי גייען ווערן דעם אייבערשטנס פאלק, און אז דער אייבערשטער גייט זיי פארטרויען מיט זיין הייליגע תורה.

דאס זעלבע חזר'ט זיך איבער יעדע יאר, אידישע קינדער זענען פול מיט שמחה אין די טעג, און זיי ווארטן שוין אז עס זאל אנקומען דער הייליגער יום טוב שבועות, מען זאל קענען נאכאמאל מקבל זיין די הייליגע תורה, און נענטער ווערן צום הייליגן באשעפער.

### צמאה נפשי לאלקים לאל חי

דער הייליגער מגיד פון קאזניץ זי"ע טייטשט דעם פסוק "צמאה נפשי לאלקים לאל חי, מתי אבוא ואראה פני אלקים", זאגט ער אז "אל חי" באטרעפט 49, דאס קומט מרמז זיין אויף די 49 טעג פון ספירה, אז יעדע איד זאגט "צמאה נפשי לאלקים" איך בין דארשטעריג ל"אל חי", צו די 49 טעג פון די ימי הספירה, איך ווארט שוין "מתי אבוא ואראה פני אלקים", איך זאל נהנה זיין מזיו השכינה, ווייל די טעג זענען זייער גרויס און מען קען נאנט ווערן צום הייליגן באשעפער (עבודת ישראל לקוטים).

### אעבור בסך אדד"ם

אין די זעלבע קען מען טייטשן די פסוק אין תהלים, "אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי, כי אעבור בסך "אדדם" עד בית אלקים, בקול רנה ותודה המון חוגג", "אדד"ם" באטרעפט 49 קעגן די ימי הספירה, און דאס זאגט דוד המלך ע"ה, "אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי" עס כאפט מיך אן א שוידער אין אלע מיינע ביינער, ווען איך דערמאן מיך "כי אעבור בסך "אדדם", אז איך גיי דורכגיין די 49 טעג פון די ספירה, "בקול רנה ותודה המון חוגג" און איך גיי זוכה זיין צו זינגען "בקול המון חוגג" מקבל צו זיין די הייליגע תורה, אין שבועות.

### קבלת עול מלכות שמים

שטייט אין די ספרים הקדושים אז די 6 וואכן פון ספירה (אויסער די וואך פון פסח) זענען קעגן די זעקס ווערטער "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", יעדע וואך איז שואב א קדושה פון איין ווארט פון די קבלת עול מלכות שמים, און אין די 6 וואכן זענען דא 42 טעג, וואס דאס זענען קעגן די 42 ווערטער וואס איז דא אין די פרשה "ואהבת", יעדע טאג האט א הייליגע יניקה פון איין ווארט פון די פרשה, וואס דאס איז קבלת עול מלכות שמים.

דאס איז אזוי ווי די זעקס וואכן פון שובבי"ם וואס זיי זענען 6 וואכן אין צוויי און פערציג טעג, וואס יעדע וואך האט א קדושה פון 6 ווערטער "שמע ישראל" און יעדע טאג האט א קדושה פון 42 ווערטער פון "פרשת ואהבת".

רבי צדוק פון לובלין (ספר פרי צדיק סוף משפטים ד"ה שיר המעלות) שרייבט, אז די 6 וואכן פון די ימי הספירה (אויסער די טעג פון פסח), וואס זענען 42 טעג, זענען קעגן די מ"ב שמות פון "אנא בכח", וואס די טעג זענען מסוגל דערהויבן צו ווערן צום הייליגן באשעפער, (והוא כענין הששה שבועות של ימי השובבי"ם שהם גם כן מ"ב ימים של השם הקדוש).

דער אוהב ישראל (פרשת מסעי) שרייבט אויפן פסוק שש ערי המקלט תתנו לנוס שמה הרוצח, ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר אז דאס גייט ארויף אויף די 6 וואכן פון די ימי השובבי"ם וואס זיי זענען א בחינה פון שש ערי מקלט, "ועליהם תתנו מ"ב עי"ר, דאס איז קעגן די 42 וואס איז דא אין 6 וואכן, וואס מען זאל יעדן טאג מאכן א התעוררות.

דאס זעלבע קען מען זאגן אויף די 6 וואכן פון די ספירה, אז "שש ערי מקלט" מען זאל אויסנוצן די זעקס וואכן פון ספירה, און זיך היטן פון יצה"ר, "ועליהם תתנו מ"ב עיר", וואס מען זאל יעדן טאג

מאכן א התעוררות, און זיך גרייטן צו קבלת התורה.

## די גרויסקייט פון ימי הספירה

### ימי השתוקקות

דער חינוך (מצוה ש"ו) שרייבט מיט לשון: משרשי המצוה [של ספירת העומר] על צד הפשט, לפי שעיקר הסיבה שנגאלו ממצרים, כדי שיקבלו התורה בסיני ויקיימוה, וכמו שאמר השם למשה (שמות ג', י"ב) "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה", שתקבלו התורה שהיא העיקר הגדול שבשביל זה הם נגאלים והיא תכלית הטובה שלהם, ומפני כן נצטוינו למנות ממחרת יום טוב של פסח עד יום נתינת התורה, להראות בנפשנו החפץ הגדול אל היום הנכבד הנכסף ללבנו, כעבד ישאף צל, וימנה תמיד מתי יבוא העת הנכסף אליו שיצא לחירות, כי המנין מראה לאדם כי כל ישעו וכל חפצו להגיע אל הזמן ההוא.

### דער שורש פון גאנצן יאר

עס ווערט געברענגט אז די ימי הספירה זענען די ווארצלען פונעם גאנצן יאר, און לויט ווי מען פירט זיך אויף אין די טעג, וועט מען אים פירן פון הימל א גאנץ יאר, דעריבער ליגט אויף יעדן א פליכט אכטונג צו געבן אין די טעג אויפן אויפירונג, כדי אז פון דעם שורש זאלן ארויס וואקסן שיינע פרוכט, מען זאל קענען דינען דעם הייליגן באשעפער א גאנץ יאר מיט גרויס הצלחה.

### ראש השנה אויף רוחניות

דער רבי ר' פנחס קאריצער זצ"ל שרייבט, אז די טעג פון פסח און די ימי הספירה, זענען "ראש השנה" אויף אלע רוחניות'דיגע ענינים, מען קען זיך אויסבעטן אויף אלע עניני רוחניות.

### ימי דין ואבלות

אבער פון די אנדערע זייט, ווערן די טעג גערעכנט פאר טעג פון טרויער, און ימי דין, און טעג פון אבלות, אזוי ווי די גמרא זאגט (יבמות דף ס"ב ע"ב) שנים עשר אלף זוגים תלמידים היו לו לרבי עקיבא, וכולן מתו בפרק אחד, אז אין די ימי ספירה זענען רח"ל נסתלק געווארן 24 טויזענט תלמידים פון רבי עקיבא, ווייל זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער דעם אנדערן, און וועגן דעם פירט מען זיך אין די טעג, מיט געוויסע מנהגים פון אבילות.

דער שו"ת נשאל דוד (או"ח סימן י"ט) שרייבט א שיינע טעם פארוואס רבי עקיבא האט געהאט 24 טויזענט תלמידים דוקא, ווייל ס'שטייט אין די גמרא (בבא בתרא כ"א ע"א) אז די סכום קינדער פון א מלמד איז 25 קינדער, און אזוי ווי די סכום פון כלל ישראל איז ששים רבוא 600.000 טויזענט, דארפן זיי האבן 24 טויזענט מלמדים, דעריבער האט רבי עקיבא אוועק געשטעלט 24 טויזענט תלמידים דוקא, כדי צו פאזארגן מלמדים פאר גאנץ כלל ישראל, און דער חשבון איז פשוט, 24.000 (מלמדים), מאל 25 (תלמידים) באטרעפט זעקס הונדערט טויזענעט (כלל ישראל), 25 X 24.000=600.000.

ווען מען איז זיך מתבונן און אט דעם שרעקליכע פאסירונג, אז 24 טויזענט תלמידים, וואס אלע זענען געווען קדושי עליון, און זענען רח"ל נסתלק געווארן אין אזא קורצע תקופה, וואס לויטן חשבון זענען נסתלק געווארן יעדן טאג, בדרך הממוצע 727 תלמידים, ווייל אז מען צוטיילט 24 טויזענט אין 33 קומט עס אויס 727 תלמידים, דאס מיינט אז יעדע שעה אין געשטארבן 30 תלמידים, א יעדע 2 מינוט א תלמיד.

און ווער רעדט נאך לויט די וואס האלטן אז אלע תלמידים זענען געשטארבן ביים זמן פון די שקיעת החמה, אזוי ווי דער ספר התדיר (סימן כ"ה) שרייבט, אז וועגן דעם פירן זיך די פרויען נישט צו מאכן א מלאכה אין די ימי הספירה פון די שקיעה און ווייטער, ווייל דעמאלטס זענען געשטארבן די תלמידים פון רבי עקיבא, לויט דעם קומט אז עס זענען געשטארבן אסאך מער יעדע שעה.

און אלץ איז געקומען דערפאר, ווייל זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער דעם צווייטן ווי עס דארף צו זיין, דאס דארף זיין פאר אונז א מוסר השכל, ווי אזוי מען דארף אכטונג געבן איינער אויפן צווייט'נס כבוד, מען זאל חלילה נישט מבזה זיין א צווייטן, און נישט רעדן שלעכטס, נאר לעבן באחדות באהבה ואחוה שלום וריעות, און אלץ תיקון אויף זייער פגם, האט מען מתקן געווען אין די טעג פארשידענע מנהגי אבילות, כדי כלל ישראל זאל האבן מיטלייד אין די גרויסע פארלוסט פון די הסתלקות פון די הייליגע צדיקים, און דורך דעם וועט דאס מרבה זיין פריינדשאפט איינער צום צווייטן.






המשך משבוע העבר

## סעיף ד - לצורך שבת

אויך געמיינע און שוואכע כלים וואס ווערט אנגערופן 'חותלות', טאר מען נישט צוברעכן נאר אויב עס איז לצורך שבת. ווענן דעם האבן מיר געשריבן (זעה פרק ט"ו סעיף ב') אז מען טאר נישט טרעטן אויף א בעג מיט גארבעדזש, אויב עס איז זיכער אז דורכן טרעטן דערויף וועט מען צוברעכן כלים, אויסער אויב דאס צוטרעטן די בעג איז לצורך שבת, למשל אויב ער וויל מאכן פלאץ אין די גארבעדזש בעג אז מען זאל קענען לייגן דארט נאך גארבעדזש, און מען זאל נישט דארפן ארויסנעמען און טוישן די גארבעדזש בעג אינמיטן שבת.

## סעיף ה - א זאך וואס איז נישט א כלי

מען מעג צוברעכן שבת א זאך וואס איז נישט קיין כלי. למשל א קליינע שטיקל האלץ אדער פלעסטיק מעג מען צוברעכן אין שבת, אויב עס איז נישט מוקצה (למשל אויב מען האט עס אנגעגרייט פאר שבת צו נוצן פאר עפעס).

דאס איז אבער נאר מותר מיט צווי תנאים: א. אז מען שניידט עס נישט לויט א געוויסע מאס, ב. אז מען מאכט נישט קיין כלי דערפון.

[זעה פרק ז' סעיף ג' אז א פלאש מיט אן אייזערנעם דעקל, וואס אינעווייניג אינעם דעקל איז דא א שטיקל פלעסטיק וואס צוברעכט זיך ווען מען עפענט די דעקל, איז מותר צו עפענען אזא דעקל שבת, וויבאלד עס איז נישט קיין איסור צו צוברעכן א שטיקל פלעסטיק וואס ווערט נישט קיין כלי].

# פרק ב

## די מלאכה פון 'מכה

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו

נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

## בפטיש' [מתקן מנא] - מאכן פארטיג א כלי

## סעיף א - וואס איז די מלאכה

**די מלאכה פון מכה בפטיש מיינט:** געבן די לעצטע קלאפ מיטן האמער אויף א כלי וואס מען האט יעצט געענדיגט מאכן, וואס מיט דעם לעצטן קלאפ ווערט דאס א 'פארטיגע כלי', דאס איז די 'אב מלאכה'.

ווען מען פארענדיגט א כלי אויף סיי וועלכע אנדערע אופן (אויסער דורך א קלאפ מיט א האמער), הייסט דאס 'מתקן מנא', און דאס איז א 'תולדה' פון מכה בפטיש.

דאס איז שייך אויף דריי סארט אופנים:

**[א]** ווען מען טוט א זאך מיט די כלי וואס דורכדעם ווערט די כלי ראוי צום נוצן. למשל: אויב מען האט א כלי וואס מען קען זיך יעצט נישט געהעריג באנוצן דערמיט, ווייל עס איז פארמאכט פון אלע זייטן, און מען מאכט א לאך [אן עפענונג] (זעה פרק ג') אויף סיי וועלכן פלאץ אין די כלי, כדי מען זאל פון דעם לאך קענען ארויסגיסן און אריינגיסן אין די כלי, הייסט דאס 'מתקן מנא'.

**[ב]** אפילו די כלי איז שוין ראוי צום באנוצן, אויב ער טוט עפעס מיט די כלי כדי עס צו מאכן שענער אדער בעסער. למשל: מען מאלט אויס א בילד אויף די כלי, אדער נאכן ענדיגן נייען נעמט מען ארויס די קליינע דינע שפענדלעך פון א קלייד וואס כאפט זיך אריין בשעת'ן נייען, דאס הייסט אויך 'מתקן מנא'.

**[ג]** אפילו א כלי איז שוין געווען פארטיג, אויב עס איז קאליע געווארן אדער צובראכן געווארן און מען פאררעכט עס, הייסט דאס 'מתקן מנא'.

## סעיף ב - חילוקים צווישן בונה און מכה בפטיש

אפילו זאכן וואס עס איז נישט דא דערביי קיין איסור פון בונה, איז צומאל אסור ווענן מכה בפטיש: למשל צוזאמשטעלן צוויי חלקים פון א כלי אויף א שוואכע וועג (צ.ב. אריינלייגן א שוך בענדל אין די שוך), **איז נישט דא דערביי קיין איסור פון בונה** (וויבאלד בונה איז נאר שייך ווען מען שטעלט צוזאם צוויי זאכן אויף א שטארקע וועג), **אבער** מכה בפטיש איז יא דא. אזוי אויך ביי א שוואכע כלי (אזוי ווי 'חותלות') **איז** טאקע נישטא קיין איסור פון בנין וסתירה (אזוי ווי עס איז ערקלערט געווארן אויבן אין פרק א') **אבער עס איז יא דא** דערביי דער איסור פון מכה בפטיש.

און די זעלבע זאך פארקערט, ביי געוויסע זאכן איז נאר שייך די איסור פון בונה, אבער נישט די איסור פון מכה בפטיש: למשל באהעפטן אייך פיסל צו א טיש וואס דארף האבן פיר פיס, דאס איז נישט אסור ווענן מכה בפטיש (ווייל עס איז נישט 'פארענדיגט' געווארן דורכדעם, וויבאלד מען דארף נאך ארויפלייגן די אנדערע דריי פיס), **אבער עס** איז יא אסור ווענן די מלאכה פון בונה.

עס איז וויכטיג צו באמערקן: אז ביי די זאכן וואס עס איז דא ביי דעם די איסור פון בונה בייםס מאכן, איז אויך שייך ביי דעם די איסור פון סותר בייים צוברעכן. אבער אזא זאך וואס איז אסור צו מאכן אלץ מכה בפטיש, און נישט אלץ בונה, למשל ווען מען שטעלט צוזאם זאכן אויף א שוואכע וועג (א חיבור רפוי), איז נישטא דערביי קיין שום איסור עס צו צונעמען (זעה אויך פרק י"א סעיף י"ז).

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **שמואל יעקב פעלבערבוים** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויטעפסק זי"ע

**דעם היינטיגן שב"ק ב' דר"ח אייר הבעל"ט, געפאלט אויס די יומדל"ק פונעם הייליגן צדיק רבי מענדל'ע וויטעפסקער זי"ע, הרה"ק רבי מנחם מענדל בן רבי משה זי"ע.**

## ואלה מתולדותיו

הרה"ק רבי מענדל'ע איז געבוירן צו זיין פאטער רבי משה זצ"ל אינעם יאר ת"ק. ער איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע וואס האט אים שטארק מקרב געווען, און געדינט אלס בעל תוקע עטליכע יאר ביי זיין רבי'ן אין די הייליגע טעג, נאך די פטירה פונעם מעזריטשער מגיד האבן זיך אסאך חסידים צוגעצויגן צו אים, ווי דאן האט ער זיך באזעצט אינעם שטאט הורודוק ווי ער האט ווייטער פארשפרייט די תורת החסידות אין די שטעט פון די ליטא און ארום.

אין חודש אדר תקל"ז האט רבי מענדלע אראנדזשירט א גרויסע נסיעה קיין ארץ ישראל ווי אריבער 300 חסידים צווישן זיי גאר גרויסע צדיקים, זענען געפארן זיך באזעצן אין ארץ ישראל, אנקומענדיג האבן זיי זיך באזעצט אינעם שטאט צפת ווי מען האט אים גאר שטארק מכבד געווען אפילו די ספרדישע אפשטאמיגע, שפעטער איז רבי מענדל געפארן זיך קובע מקום זיין אינעם שטאט טברי', ווי דארטן האט ער אויפגעשטעלט א בית הכנסת. זייענדיג אין ארץ ישראל האט רבי מענדל אויך אנגעהאלטן זיינע התקשרות מיט די חסידים וואס זענען פארבליבן אין חוץ לארץ, שטענדיג האט ער געשיקט פאר זיי בריוון מיט חיזוק לתורה ולאהבת ה'.

אין א תקופה ווען עס איז געווען א הונגער צייט אין די געגענטער אין ארץ ישראל האט רבי מענדל מייסד געווען א ספעציעלע קופה, ווי אידן מכל קצוי תבל צווישן זיי צדיקים פון איבער די גאנצע וועלט האבן תומך געווען פארן קופה. רבי מענדל האט ארומגעשיקט שלוחים אפצוזאמלען די נדבות, און אזוי געשטיצט נויטבאדערפטיגע אידן עניי ארץ הקודש.

אין זיינע לעצטע יארן פון זיין לעבן האט רבי מענדלע מקבל געווען יסורים באהבה, ער האט זיך שטארק געמוטשעט מיט אסאך יסורי קשים,

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ג' אייר | הרה"ק רבי ישעי' בן רבי משה זי"ע - מ'קערעסטיר | תרפ"ה |
| ד' אייר | הרה"ק רבי ליפא בן רבי יצחק אייזיק זי"ע - מ'סאמבור | תקפ"א |
| ו' אייר | הרה"ק רבי משה בן רבי יצחק אייזיק זי"ע - מ'סאמבור | ת"ר |
| ו' אייר | הרה"ק רבי יוסף מאיר בן רבי שמואל צבי זי"ע - מ'ספינקא - אמרי יוסף | תרס"ט |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| א' אייר | הרה"ג ר' יצחק בן ר' מאיר ז"ל שטערן<br>מנהל בישיבתינו הק' רבות בשנים | תשפ"ד | ביה"ח וויזניץ מאנסי |
| ב' אייר | הרב החסיד ר' יהושע שלום בן ר' יודא עזריאל ע"ה ראטטער | תשע"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| ב' אייר | הרב החסיד ר' יעקב בן ר' משה יחיאל ע"ה פעקעטע | תשפ"ד | ביה"ח בקרית יואל |
| ד' אייר | הרה"צ רבי משה דוב בן ר' ישעי' יוסף זצ"ל בעק | תשפ"א | ביה"ח בקרית קאשוי |
| ה' אייר | הילד משולם פייש ע"ה בן ר' אלימלך אהרן הי"ו הערמאן | תשפ"ג | ביה"ח בקרית יואל |
| ה' אייר | הרה"צ רבי מאיר מנשה בן ר' מרדכי זצ"ל לייפער מ'באניא | תשפ"א | ביה"ח בקרית יואל |
| ז' אייר | האשה החשובה מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה זוסמאן<br>אשת הרה"ח ר' דניאל אברהם ע"ה | תשס"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

און האט שטענדיג אלעס מקבל געווען באהבה פונעם באשעפער מיט א שמחה של מצוה.

## מגדלותו ושפלותו

רבי מענדל'ע איז געווען א גאר גרויסע בעל מדריגה, און צו דעם אויך א גאר גרויסער עניו. רביה"ק זי"ע דערציילט אין עבו"ע (שיח"ק ח"ב - רל"ו) איינס פון די גרויסע הויעכע מדריגות וואס רבי מענדלע האט פארמאגט, וואו צדיקים פלעגן מעיד זיין דערויף, אז יעדע ערב שבת האט מען אנגעזעהן אויף דעם צדיק, אז די שבת איז די ערשטע און לעצטע שבת אויף די וועלט, דאס האט ער מרגיש געווען מידי שבת בשבתו און אזוי פלעגט ער אפ-פראווענען דעם שבת קודש וואס מיר קענען ניטאמאל באגרייפן.

אזוי אויך איז כדי אנצומערקן אז ווען דער הייליגע רבי ר' זושא מ'האניפאלי זי"ע האט געהערט אז רבי מענדל'ע פארט ארויף וואוינען קיין ארץ ישראל, האט ער זיך אויסגעדריקט "ארץ ישראל איז העכער פון אלע לענדער און רבי מענדלע וויטעבסקער איז העכער פון אלע צדיקים".

טראץ אלע הויעכע און גרויסע מדריגות וואס ער האט פארמאגט האט זיך רבי מענדל געהאלטן מורא'דיג בעניוות ובשפלות, ווי מערקווערדיג איז צוצוצייכענען וויאזוי רבי מענדל פלעגט זיך זעלבסט אונטערשרייבן, און ער פלעגט זיך חתמ'נען, 'השפל באמת מנחם מענדל'.

איבער זיין עניוות האבן צדיקים געזאגט אז ער איז א ניצוץ פון משה רבינו ע"ה אויף וועם דער פסוק איז מעיד והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה.

## עגמת נפש ויסורים ע"י הכיבודים

א אינטערעסאנטע עפיזאד ווערט דערציילט וואס רעפלעקטירט די גרויסע עניוות ושפלות וואס רבי מענדל'ע האט פארמאגט, ווען רבי מענדל איז געווען אויפן שיף זייענדיג אויפן רייזע זיך צו באזעצן אין ארץ ישראל, האט אויסגעבראכן א גרויסע שטורעם, ביז די מצב איז געקומען צו א גרויסע סכנה פון ווערן דערטראנקען רח"ל, אלע אויפן שיף זענען געווען אין א גרויסע שרעק וואס וועט דא זיין, דאן האט זיך רבי מענדל געגעבן א רוף און, 'רבונו של עולם דו ווייסט דאך אז איידער איך בין ארויסגעפארן קיין ארץ ישראל בין איך מיר געגאנגען געזעגענען פון אלע צדיקי הדור, ווען איך בין דארט געווען האבן זיי אלע מיר מכבד געווען מיט אויסטערלישע גרויס כבוד, פאר דיר איז באוויסט - זאגט רבי מענדלע ווייטער - ווי א שטארקע עגמת נפש און וואספארא שטארקע יסורים עס האט מיר דאן באטראפן נאכן דארפן סובל זיין די גרויס כבוד וואס די צדיקים האבן מיר מכבד געווען, בעט איך יעצט אז אין זכות פון די אלע יסורים און עגמת נפש וואס איך האב דאן סובל געווען זאל עס יעצט באשטיין אז מיר זאלן אלע ניצול ווערן פון די סכנה', ווי נאר רבי מענדלע האט געענדיגט ארויסזאגן די דיבורים האט זיך די ווינט איינגעשטילט און מען איז אנגעקומען בשלום קיין ארץ ישראל . ויהי לפלא.

## בלתי לה' לבדו

ווי ערוועגט איז אין די צייט וואס רבי מענדל'ע האט זיך געפינען אין ארץ ישראל איז געווען א גרויסע הונגער, ווען די חסידים פון חו"ל האבן געהערט וואס עס גייט פאר אין ארץ ישראל האבן זיי אלע געשיקט שיינע הערליכע מתנות פאר זייער רבי'ן רבי מענדל'ע קיין ארץ ישראל אז ער זאל האבן פון וואס צו לעבן, ווען די אלע שטיקער גאלד זילבער שיינע כלים און געלט זענען אנגעקומען צו רבי מענדל אויפן טיש, האט זיך רבי מענדלע אנגערופן: "רבוש"ע איך הויב זיך אויף צו דיר איך מיט מיינע אלע כלים", תיכף האט מען געזעהן אלע כלים פון זיך אליין זיך אויפהייבן און פארשוואונדן ווערן.

## ספריו

דברי תורה ומאמרים פונעם הייליגן רבי מענדל'ע מ'וויטעפסק זי"ע איז געדריקט אינעם ספר "ליקוטי אמרים", און אינעם ספר "פרי הארץ".

די ספרים פון רבי מענדל איז ביי אלע צדיקים געווען הייליג און געשעצט, ביי הרה"ק מ'רוזין זי"ע איז שטענדיג געליגן דער ספר פרי הארץ אויפן טיש, זאגענדיג: 'שמי שיודע בו יכול לחבר חכמה עילאה עם חכמה תתאה'.

## הסתלקותו לחיי עולם הבא

איידער רבי מענדל איז נסתלק געווארן האט ער זיך אנגערופן צו זיינע ארומיגע, "סורו נא מעלי כי הנה ה' ניצב עלי".

אין טאג א' אייר אין יאר תקמ"ח איז רבי מענדל נסתלק געווארן לחיי עולם הבא, און איז געקומען לקבורה אינעם שטאט טברי'.

## מתוך הצוואה שאמר לבנו

איידער רבי מענדל איז נפטר געווארן האט ער געלאזט צוואה פאר זיין איינציגן זוהן, ווי פאלגענד. 'ער זאל נישט אננעמען קיין שום רבנות פאסטן, ער זאל ליב האבן אפילו די פשוט'סטע איד, זיך דערווייטערן פון שקר בכל כוחו ואפילו לשם שמים, ער זאל אים נישט באטיטלען מיטן טיטל "הרב", ער זאל נישט איבערזאגן דברי תורה פון אים, נישט שרייבן אויף זיין מצבה קיין שבחים'.

## מנוסח המציבה

און ווי רבי מענדל האט געבעטן אין זיין צוואה, איז טאקע זיין נוסח המצבה גאר קורץ, און עס ענטהאלט נישט קיין שבחים אויף אים, נאר עס ליינט זיך ווי פאלגענד, "פ"נ בשנת תקמ"ח מוהר"ר מנחם מענדל בהרב מו"ה משה זללה"ה בר"ח אייר יום ב', כי כן צוה בצואתו שלא לתארו בשום תואר הכבוד, והניח אחריו ברכה ספר פרי הארץ, פרי העץ, ולקוטי אמרים".

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.



המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **חיים סג"ל קדויס** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## נסיעה לצדיקים

**זאת תהי' תורת המצורע.**

דער הייליגע תפארת שלמה זאגט אז די סדר פון די צדיקים זענען געווען צו אויסהיילן מענטשן דורך א פסוק אין די תורה, און אויך האבן זיי געקענט אזוי ארייננשיינען פאר אידן צו אויסרייניגן פון אלעס שלעכטס, און דאס טייטשט 'זאת תהי' תורת המצורע ביום טהרתו והובא אל הכהן', אז מען קומט צום צדיק און ער איז מטהר די מענטש פון עבירות דורך די תורה.

הרה"ק ר' אשר מסטאלין זי"ע האט זיך אמאל אפגערעדט אויף די חסידים פון זיין דור אז אמאליגע צייטן ווען מען איז געקומען צו א רבי' האט מען אים געוויזן די שלעכטע חלקים כדי ער זאל דאס מטהר זיין און זיי ברענגען צו תשובה, און היינטיגע צייטן ווייזט מען נאר די גוטע חלקים און מען באהאלט די עבירות, איז וויאזוי וויל מען די צדיק זאל ברענגען צו תשובה.

*

עס איז באוואוסט אז הרה"ק ר' אהרן הגדול פון קארלין זי"ע האט געמאכט אכציג טויזנט בעלי תשובות. איינמאל איז געקומען צו רבי אהרן קארלינ'ער א איד וואס האט געוואלט תשובה טוהן, און דער קארלינער האט געזעהן אז דער איד איז א גרויסע בעל עבירה, האט ער אים געשיקט צו די גרויסע מגיד אז ער זאל אים געבן א דרך תשובה, און די קארלינ'ער האט מיטגעשיקט א צעטל און ער האט דארט ארייגעשריבן אז דער איד איז א גרויסע בעל עבירה מכף רגל ועד קדקדו אין בו מתום וכו', און יעצט וויל די איד תשובה טוהן, און ער האט געהייסן פאר די איד צו איבערגעבן די צעטל פאר די מעזריטשער מגיד.

דער איד האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג קיין מעזריטש צופוס, און די וועג האט גענומען אפאר וואכן ביז ער איז ענדליך אנגעקומען צו די מגיד, און ער האט איבערגעגעבן די צעטל, ווען דער מגיד האט געזעהן די ברייוו האט ער באטראכט די איד פון אלע זייטן און זיך זייער געוואונדערט, און די מגיד האט זיך אנגערופן 'ר' אהרן הגדול האט זיכער געשריבן אמת, אבער איך זעה נישט די אלע פגמים און עבירות אין די איד, אלא מאי די טורח הדרך פון זיך שלעפן אפאר וואכן צו א צדיק כדי תשובה צו טוהן האט זיכער אראפגענומען אסאך פגמים'.

און דאס טייטשן צדיקים אריין אין פסוק 'וראה הכהן והנה נרפא נגע הצרעת' אז ווען די כהן זעהט די נגע איז דאס שוין אויסגעהיילט, וויבאלד די קומען צום כהן האט שוין אויסגעלייטערט די עבירות.

*

עס שטייט אין פסוק 'ויצא הכהן אל מחוץ למחנה וראה הכהן והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע' פרעגט דער הייליגע באר מנחם זי"ע אז די ווערטער 'מן הצרוע' איז לכאורה איבריג, וויל מען פארשטייט דאך אליינס אז מען רעדט דא פון די צרוע.

ענטפערט ער אז עס איז דא צוויי מדרגות אין תשובה, איינס איז א מענטש וואס זעהט אליינס אז ער האט געזינדיגט און ער טוט תשובה אויף דעם מיט סיגופים און תעניתים, און אזוי ווערט ער ריין, און נאכדעם איז דא א צווייטע מענטש וואס זעהט נישט אליינס זיין זינד, נאר ער פארט צו א צדיק, און די צדיק ברענגט אים אריין א הרהור תשובה, און אזוי זעהט ער אז ער האט געזינדיגט, און די צדיק גיבט אים נאכדעם א דרך תשובה אז ער זאל זיך קענען רייניגן פון זיינע חטאים.

טייטשט דער באר מנחם אריין אין פסוק, 'זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו', קודם רעדט ער פון די מענטשן וואס קענען נישט אליינס תשובה טוהן, פאר זיי זאגט די תורה הקדושה 'והובא אל הכהן', און פאר די מענטשן וואס קענען א אליין תשובה טוהן אויף זיי שטייט 'והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע', אז די נגע האט זיך אויסגעהיילט פון די וואס האט זיך אליינס געמאכט פאר א צרוע.






המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יהוסף אלקנה סגל קרויס** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

### פארשידענע הלכות

א בעל נפש זאל מחמיר זיין נישט אנצורירן א דבר מטונף, און נישט הרג'ענען א לייז, פליג, וכדו' [1], אדער ארויסטראגן א גארביטש [2], ווילאנג די תפילין איז אויף אים.

אויב מ'וויל ברענגען א ספר פון שאנק, זאל מען עס נישט האלטן צווישן די תפילין און די הארץ [3].

מ'זאל נזהר זיין, נישט צו לייגן די תפילין אפילו אין בייטל אויף א הייסע פלאץ, אדער ווי דער זון שיינט, וויבאלד עס קען קאליע גיין.

מ'מעג לייגן תפילין אויף א סידור אדער אנדערע ספרים [4].

אלס כבוד פון די תפילין זאל עס זיין שיין צוזאמגעלייגט, און נישט לאזן אומצוזאמגעלייגט [5].

אפילו אויב מ'רירט אן די רצועות של יד אדער של ראש ווי עס ליגט במקום המכוסים, דארף מען זיך נישט וואשן די האנט. (אויב עס איז נאס פון שוויס, זע הערה [6]).

ס'ראוי אז א מענטש זאל אליין צוזאמלייגן די תפילין אלס חיבוב מצוה [7]. ס'דא וואס שרייבן אז ווער עס לייגט אליין צוזאם, מאכט מען קאלט די גיהנום פאר אים [8].

חסידים ואנשי מעשה טראגן אהיים אליין די טלית ותפילין [9].

הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע איז נזהר געווען אהיימצוטראגן די טלית ותפילין יעדן טאג [10] (אין ישיבה איז נישט שייך).

מנהג חכמים צו האלטן די בייטל אין די רעכטע האנט ווען מ'טראגט עס [11], און האלטן ביי די עלענבויגן הייעך נישט אין די הענט ווי א בעג [12].

### אויפן וועג

כדי נישט צוצוקומען צו פארפאסן צו לייגן תפילין אפילו נאר איין טאג, זאל מען אייביג מיטנעמען די תפילין ווען מ'פארט אויף א לענגערע וועג [13].

אויסטון תפילין קעגן א רבי'ן

מ'זאל נישט אויסטון תפילין של ראש קעגן א רבי ביי וועם מ'האט געלערנט רוב פון זיין חכמה, אלס כבוד פונעם רבי'ן, נאר מ'דארף זיך אוועקדרייען בשעת מ'נעמט אראפ די של ראש. הגם היינט איז עס כמעט נישט שייך, פירט מען זיך אזוי אקעגן א מנהיג פון די קהילה, אדער גדול הדור [14].

### געבארגטע תפילין

מ'קען יוצא זיין די מצוה פון תפילין מיט געבארגטע תפילין [15].

אויב מ'וועל בארגן תפילין, און דער בעל הבית פון די תפילין איז נישט דא מעג מען בארגן די תפילין אן רשות.

אויב מ'דארף בארגן פון א חבר, זאל מען זיכער מאכן אז דער של ראש ליגט טאקע גוט אויפן קאפ, און ס'נישט צו קליין אדער גרויס.

ווען מ'מעסט אפ דעם געבארגן של ראש עס צו פארעכטן לויט זיין מאס, איז ראוי עס צו טון פארן זאגן 'לשם יחוד', און דערנאך צוריק אריינלייגן אין בייטל, און זאגן לשם יחוד, און דעמאלטס ארויסנעמען און לייגן אין א סדר, קודם של יד און נאכדעם של ראש [16]. (די מנהג העולם עס צו פארעכטן פארן לייגן דעם של יד).

---

1 ראה שו"ע (סי' מג ס"ט), והוסיף במקור חיים (להחות יאיר סי' מג ס"ט) דיש לימנע מדברים המחייבים נט"י כשמעוטר בתפילין וכגון נגיעה בכינה ופרעוש וכן במנעליו ושאר מקומות המכוסים אבל זה ממדת חסידות. ועי' ארחות חיים (סי' מא סק"א) בשם שו"ת לב חיים.

2 מ"ב (סי' מא סק"ג) 'ואם ירצה להוציא זבל על היד אפשר דאפילו אם התפילין הם מכוסים בבגדיו איכא בזה בזיון להתפילין שעליו'.

3 ספר חסידים (סי' תשעד) 'כשיש לו לאדם תפילין בזרוע אם יהי' לו דבר לישא לא ישא בין אצילי ידיו שהרי יבדיל בין תפילין ללבו אע"פ שהבגדים מבדילים אין זו הבדלה שכן דרכו'.

4 כתב בס' אור צדיקים (אות ע"ט) וז"ל יש מהמוני עם ואפילו לומדים נוהגים כשחולצים התפילין מניחים על הסידור, בסברם שקדושת תפילין חמורה מסידור התפילות, אבל אינו כן שהרי לענין שבועות נקיטת חפץ, לכתחלה צריך לישבע בס"ת, או שאר ספרים שיש בהן שמות, ובדיעבד סגי בתפילין, כתב בסמ"ע (סימן פז) דקדושת ספר שיש בהן שמות חמור מן התפילין עכ"ל, אבל בט"ז (שם) פליג על הסמ"ע, וכתב דודאי קדושת תפילין יותר מסידורים וחומשים, כי השמות שבתפילין נתקדשו, משא"כ חומשין שנדפסו שאין להם דמיון קדושת תפילין, לכן מותר להניח תפילין על סידור ושאר חומשים הנדפסין ומותר אפילו עם התיק. שו"ת משנת יוסף (חי"ג סי' יב).

5 אמרי פנחס (אות כד).

6 אשל אברהם (קמא סי' ד) מקיל בזה, ובאות חיים ושלום (סי' כז סי"ד) כתב שצ"ע למה לא יתחייב בנטילה. אכן לא ראינו מקפידין ע"ז, ושמא כי אין כ"כ זיעה (ועי' ביפה ללב שכתב שנוהגים לחלוץ התפילין אחר שמו"ע משום זיעה, ובאות חיים תמה עליו מאיזה זיעה הוא מדבר).

7 כף החיים (סי' כט סקי"ט) כדוגמת ס"ת שהגולל נוטל שכר כולם, בן איש חי (חיי שרה סי"ט).

הרה"ק הדברי שלמה מ'באבוב זצ"ל אמר בשם אביו כ"ק מרן הקדושת ציון זצו"ל הי"ד שמה שאומרים שסגולה לאריכת ימים לקפל בעצמו התפילין, הוא רק בתפילין דרש"י, ולא בתפילין דר"ת, וכן ראינו אצל מרן מהר"ש שלא הקפיד לקפל בעצמו תפילין (חדותא דמלכא עמ' קע"א).

8 דברי תורה (ח"ה אות פז) להרה"ק המנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע מובא בשם הדברי חיים, ובנימוקי או"ח (סי' כח אות א), אכן בלקט הקמח החדש (אות יב) שראה גדולים וצדיקים שנתנו לתלמידיהם לקפל.

9 דחייל הולך עם כלי זיינו, ועי' דרכי חיים ושלום (אות כט) ובהשמטות שהמנחת אלעזר אמר טעם ע"ז, דהרי הוצאת כף ומחתה מבית קדשי הקדשים ביוה"כ, הי' צריך הכנה"ג ללבוש הד' בגדי לבן, והי' מעבודות החשובות, הרי דהוצאה ג"כ הוי עבודה, ע"כ מנהגינו מאבותינו להוליך הטו"ת.

10 דבר ה' זו הלכה (עמ' כג).

11 דיש חשיבות ליד ימין דבס' חסידים (סי' קא) כתב שצריך לקבל ספר מיד חבירו ביד ימין, ובברכות (סב) שאין לקנח ביד ימין משום שקושר בה תפילין.

12 כן הקפידו בבעלזא.

13 מ"ב (סי' קי סק"כ) 'נכון לכל ירא שמים בעת יציאתו לדרך שיקח עמו הטלית ותפילין שלו, אפילו הוא נוסע למקום קרוב ודעתו לחזור היום, פן יקרה איזה מקרה ויתבטל ממצוה'.

בספר דברים ערבים (ח"א סיפורים מהבעש"ט אות כב) מביא שאמר הבעש"ט הק' כי הנוסע לדרך יקח עמו ד' דברים אלו אשר רמוזים בתורת ה' 'תכין לכך הדרך', 'ת'פילין כ'כר יי"ש נ'ר'.

ובספר למען פארך (על עניני תפילין עמ' תרלו) בשם הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע שאמר לבחור הבר מצוה: 'כתיב ושמרתם את המצות, ואנו קוראים ושמרתם את המצוות, ולכן לכל מקום שתלך תיקח עמך את התפילין לשמירה'.

14 שו"ע (סי' לח סי"א), ומ"ב (סקל"ה ולו) ועי' ברכי יוסף (סי' לח סק"ה) דאפשר רק בזמנם דבשעת החילוץ הי' נתגלה הראש, אבל לדידן בניקל לחלוץ בלי גילוי, וכ"כ בעוד יוסף חי (חיי שרה ס"ב).

וכתב בתהלה לדוד (סי' לח סק"ה) דרק לחלוץ יש קפידא, אבל להניח תפילין בפני רבו אין קפידא.

15 דרך החיים (ס"י), שועה"ר (סי' כה סל"ה וסי' יד סי"ב ): 'מותר להתלבש באקראי בעלמא בתפילין של חבירו [אפילו] שלא מדעתו [דניחא ליה לאינש למיעבד מצוה בממונו] וכו', ורק יזהר שיקפלן אם מצאן מקופלים, ושלא יוציאן ממקום שהניחן שם, [כגון מבית הכנסת לביתו] שמא יקפיד עליו בעל התפילין, והוי מצוה הבאה בעבירה'; וכתב הפרמ"ג (סי' יד מ"ז סק"ו) דאם הבעלים עמו ראוי וודאי שישאל ממנו רשות וכ"ש אם יודע בו שהוא מקפיד.

16 בית נאמן בישראל (הנחת תפילין עמ' מו) דבאופן זה אין כאן מעביר על המצוות, כיון שלא עומד עדיין להניח תפילין עד שיאמר 'לשם יחוד'.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

חג הפסח - תשפ"ו לפ"ק

## דאנערשטאג פר' צו

ביינאכט ביי זמני כניסה פאר מנחה מעריב זענען אריינגעקומען א חבורה פון מערערע קינדער פון תלמוד תורה וועלכע האבן צוזאמגענומען במשכ'ן פורים געלט פאר די תלמוד תורה. דער רבי האט משמיע געווען דברי חיזוק איבער די גרויסע מצוה וואס זיי האבן געטון, דערנאך זענען די קינדער אריבער ביים רבי'ן און מקבל געווען ברכת קדשו. אזוי אויך האבן זיי באקומען מתן שכרן בצדן שיירי כוס של ברכה פון רביה"ק זי"ע, און די וואס האבן אריינגעברענגט שענערע סכומים האבן צו דעם אויך באקומען א שיינע מצה טאש.

## זונטאג פר' שמיני א'

נאכמיטאג איז דער רבי געפארן קיין מאנטריאל און מנחם אבל געווען ביי הרה"ח ר' שלום בערקא הי"ו, וועלכע איז געזיצן שבעה נאך זיין שוועסטער ע"ה, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

## מאנטאג פר' שמיני א'

ביינאכט איז הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א אריבער געקומען לביתו נאוה קודש, און דער רבי האט פארקויפט די חמץ.

## דינסטאג שמיני א' - בדיקת חמץ

פאר מנחה ומעריב האט דער רבי מנחם אבל געווען טעלעפאניש ביי כ"ק אדמו"ר מ'ניקלשבורג שליט"א, וועלכע איז געזיצן שבעה על פטירת אחיו הרב החסיד ר' נפתלי לעבאוויטש ז"ל. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

◇

נאך מנחה בהיכל ביהמ"ד הגדול, איז מען ארויס בחצר ביהמ"ד הגדול וואו מען האט געשעפט מים שלנו, אין בעפארגרייטונג צום מצות באקן ערב פסח, אין די נייע מקום מורחב צוגעשטעלט דורך הנהלת הקהלה להנאת הציבור, וואו מען האט געזינגען ושאבתם מים בששון, דערנאך געדאווענט מעריב בביהמ"ד הגדול.

דערנאך איז דער רבי אהיים לביתו נאוה קודש וואו דער רבי האט בודק חמץ געווען פאר א לענגערע צייט, און געשיקט שליחים בודק חמץ צו זיין ביתו נאוה קודש נומער 9, און חדרו הפרטי בבנין הישיבה.

נאכן ענדיגן מקיים זיין בדיקת חמץ האט דער רבי געליינט קריאת שמע און 'המלאך' מיט א מנין, אין די שטוב פון די אייניקל, בן הנולד צו בנו הגה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א, און דערנאך אריבער צום סעודת הוואכנאכט אין די זאלן פון בית צירל.

דער רבי האט זיך געוואשן צום סעודה, און מכבד געווען גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א צו פארציילן סיפורים וואס מען דערציילט ביים וואכנאכט. מיט ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי האט מכבד געווען דער אבי הבן הגה"צ רבי ישראל מרדכי שליט"א.

## מיטוואך שמיני א' - ערב פסח

נאכן דאווענען שחרית האט דער רבי געמאכט די עירובי חצירות מיט א ברכה.

דערנאך איז פארגעקומען די ברית מילה פון נכד רבינו שליט"א בהיכל ביהמ"ד אברכים, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און ברכות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל 'משולם פייש'. נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד און אנגעוואונטשן די אבי הבן, און דער ציבור איז אריבער וואונטשן מזל טוב.

קורץ דערנאך איז דער רבי אריבער בבנין ישיבה קטנה, ווי עס איז פארגעקומען די סעודת ברית, דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה. עס האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער דער אבי הבן הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן. מיט די הרחמן'ס זענען מכובד געווארן: בני רבינו שליט"א, דער מוהל, הרב משה גינזבערג שליט"א נכד רבנו שליט"א, און הרה"ח ר' ראובן מנחם שווארץ הי"ו משב"ק.

◇

דערנאך איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה ישראל נח ברייער הי"ו פון בית שמש, ווי דער רבי האט אפגעשוירן

די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

◆

שפעטער איז דער רבי אריבער צו שריפת חמץ פארנט פון בית צירל. דער רבי האט אריינגעווארפן די חמץ און געווארט עס זאל ווערן אינגאנצן פארברענט, דערנאך געזאגט די יהי רצון, און זיך באדאנקט פאר די עסקנים.

◆

ביי חצות איז דער רבי ערשינען אינעם בית האופה, געבאקן מצות מצוה פאר א לענגערע צייט, און געטוהן פון אלע ערליי ארבעט. דער רבי האט זיך אומגעקוקט מיט קענטיגע הנאה אז אלעס גייט ב״ה צו למהדרין מן המהדרין.

בשעת׳ן מצות באקן האט דער רבי פארגעזאגט הלל, און דער גאנצע עולם האט מיטגעזאגט, מיט גרויס התעוררות און שמחה של מצוה.

צום שליס האט דער רבי אריינגעווארפן א שטיקל האלץ אין אויבן כנהוג, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר אלע עוזרים ומסייעים בעבודת הקודש.

שפעטער איז דער רבי אריבער לביתו נאוה קודש, מפריש געווען חלה פון אלע מצות, און געשיקט א שליח עס צו פארברענען אין אויבן.

## ליל א׳ דיו״ט

גאר דערהויבן איז פאררייבער די ערשטע טעג יום טוב בצל הקודש, עס איז נישט מעגליך עס איבערצוגעבן מיט ווערטער, אבער פטור בלא כלום אי אפשר, וועלן מיר פרובירן איבערצוגעבן א באריכט ווי ווייט מעגליך.

אריינקומענדיג אין ביהמ״ד הגדול איז געווען הערליך שיין צוגעגרייט הונדערטער נייע ספרים און ספרים שענק, מיט א הערליכע נייע מייסטערהאפטיגע פרוכת פארן ארון הקודש, ווי עס פאסט זיך לכבוד יום טוב, ולכבוד הבית המקדש מעט.

פארן זמן הדהל״נ איז דער ערשינען אין ביהמ״ד הגדול, און געצינדן ליכט ביים עמוד און די ליכט לע״נ רביה״ק זי״ע, און די נרות יום טוב.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, און דער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מעריב, און דערנאך פארגעזאגט הלל מיט א גרויסע התעוררות ובקול חוצב להבות אש, וואס האט אריינגעברענגט דעם גאנצן ציבור אין א העכערע אטמאספערע.

נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן ׳א גוט יו״ט׳, און די געסט האבן געהאט די געלעגנהייט צו נעמען שלום.

◆

א שטיק צייט נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צו פירן דעם ׳סדר׳ בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, ס׳איז געווען מלכות׳דיג צוגעגרייט ווי עס פאסט זיך צום סדר נאכט, פארן רבי׳ן און פאר אלע אורחים החשובים וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די סדר בהרחבה גדולה כיד המלך.

דער רבי האט זיכער געמאכט אז יעדער האט א הגדה, מיט א מצה טאש, און אלע צוגעהערן פארן סדר, געטיילט א מצה שלימה פאר אלע מסובים, און דער רבי האט אנגעהויבן מסדר זיין די קערה מיט די מצות כנהוג.

די עריכת הסדריםביידע נעכט איז אריבער מיט התעוררות און דערהויבנקייט, ווען במשך די הגדה צווישן איין שטיקל און צווייטן, האט דער רבי משמיע געווען טייטשן און הערליכע פירושים פול מיט חיזוק אמונה און בטחון, זייענדיג מעורר רחמים על אחינו בני ישראל, און דער רבי האט דערציילט די נסים פון יציאת מצרים משולב מיט סיפורים פון די הייליגע צדיקים.

די סימנים האבן די קינדער און אייניקלעך געזאגט, און דער רבי האט יעדעם איינעם מכבד געווען מיט די כיבודים במשך די סדר, ווי אנגיסן די כוסות, און הגבהת הכוסות, עפענען די טיר פאר אליהו הנביא, אנגיסן די כוס של אליהו, און אזוי ווייטער.

ביי שלחן עורך האט מען סערווירט א מלכות׳דיגע סעודה פאר אלע מסובים, און דער רבי האט זיכער געמאכט אז יעדער האט פון אלעם גוטן.

ביי צפון האט דער רבי געטיילט פארן גאנצן ציבור פון די אפיקומן מצה, און יעדער איז אריבער בעטן משאלות לבם לטובה, און דער רבי האט יעדעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

דערנאך האט מען ממשיך געווען מיטן זאגן הלל מיט נשמת מיט גרויס התעוררות און דביקות, וואס איז אריבער גאר דערהויבן.

## יום א׳ דיו״ט

פסוקי דזמרה האט געדאווענט מוה״ר אליעזר דוד קרויס הי״ו חבר הנהלת תלמוד תורה. צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה״ג ר׳ חיים לייב כהנא שליט״א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, לוי הגאון הגדול הדומ״ץ שליט״א, שלישי אדמו״ר מ׳זידיטשוב פרעמיסלא שליט״א, רביעי הרה״ח ר׳ אהרן קרויס הי״ו, חמישי כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, הגבה אויפן ערשן ספר תורה הב׳ שמעון בהר״ר נחמן כהנא ני״ו תלמיד ישיבה גדולה, גלילה הב׳ בהר״ר נחמן כהנא ני״ו, נכדי רביה״ק זי״ע.

מפטיר האט עולה געווען רבינו שליט״א, הגבה אויפן צווייטן ספר תורה מוה״ר יחזקאל שרגא סג״ל שווארץ הי״ו.

פתיחה צו טל איז געקויפט געווארן פאר גאר א הויכע סכום, דורך הרבני הנגיד מוה״ר נפתלי צבי ברוך הכהן לאנדאוי הי״ו פון וומסב״ג, לכבוד כ״ק מרן רבינו שליט״א.

פאר מפטיר האט דער רבי אנגעטון די בעקיטשע און גארטל פונעם הייליגן אפטער רב זי״ע, און די ווייסע סטראקעס

בעקיטשע, מיטן קאפל און גארטל פון רבינו הקדוש זי"ע, און צוגעגאנגען צו תפילת מוסף מיטן ניגון המקובל פארן בענטשן טל, פאר הויעך שמונה עשרה האט דער רבי געעפנט די ארון הקודש, מיטשלעפענדיג נאך זיך די גאנצע ציבור איינגעהילט מיט גאר גרויסע התעוררות והשתפכות הנפש.

פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' חיים אלעזר גערטנער הי"ו פון מאנסי.

נאכן דאווענען איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן 'א גוט יו"ט' פאר כל הקהל הקודש.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום עריכת שלה"ט בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש אינאיינעם מיט די אורחים החשובים ובני המשפחה, הגבהת הכוס צו קידוש מו"ה אלי' וויינגארטן הי"ו פון קרית יואל.

די סעודה איז פארריבער גאר דערהויבן, דער רבי האט מקרב געווען אלע אורחים החשובים, מען האט געזינגן זמירות לכבוד יו"ט, דער רבי האט פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און געוואונטשן לחיים און משמיע געווען דב"ק.

ברכת המזון על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן. שיר המעלות הב' שמואל בער לייפער נ"י פון קרית יואל.

## ליל ב' דיו"ט

פאר מנחה האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק בהיכל ביהמ"ד הגדול בעניני דיומא.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הרב יוסף צבי קליין הי"ו. דער רבי האט געדאווענט מעריב פארן עמוד און דערנאך געזאגט הלל מיט גרויס התעוררות. נאך מעריב איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן א גוט יו"ט פאר כל הקהל הקודש.

וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', די סדר נאכט איז אריבער גאר דערהויבן. צו ספירת העומר איז זיך צוזאמגעקומען א גרויסער עולם, און דער רבי האט געציילט ספירה מיט גרויס התעוררות און דערהויבנקייט, און נאך ספירה האט מען זיך ארויס געלאזט אין געהויבענע ריקודין ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה.

## יום ב' דיו"ט

צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מו"ה משה לייב (בר"י) סג"ל קרויס הי"ו, שחרית איז צוגעגאנגען הרב אברהם לייב ראזענבוים הי"ו מנהל חברת תהלים.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרב ר' נחמן (באדמו"ר מ'ספינקא) כהנא שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי הנגיד מוה"ר ישראל הערש פריעדמאן הי"ו, שלישי מוה"ר יחיאל מיכל יקותיאל פריעדמאן הי"ו חבר הנהלת ת"ת, רביעי הרה"ח ר' הערש לייב קרויס הי"ו, חמישי הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו. הגבה אויפן ערשטן ספר תורה מו"ה אברהם טרעפ הי"ו, גלילה מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו.

מפטיר האט עולה געווען מוה"ר יחזקאל שרגא קאהן הי"ו פון מאנסי, הגבה אויפן צווייטן ספר תורה מו"ה חיים שיינער הי"ו פון טאראנטא, גלילה מו"ה משה ראזענצווייג הי"ו.

צו מוסף איז צוגעגאנגען האדמו"ר מ'זידיטשוב פרעמיסלא שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע.

פארן דוכנ'ען האט דער רבי אפגעגאסן די האנט פון גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, און פון הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן, און פון הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר ישראל נח ברייער הי"ו פון בית שמש.

נאכן דאווענען איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן א גוט יו"ט פאר כל הקהל הקודש.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש. מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מו"ה משה אליעזר וויינגארטן הי"ו פון וומסבב"ג.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי געטרינקן פון די בארשט, און געטיילט שיריים פאר כל הקהל הקודש פון אלע מאכלים.

פארן בענטשן האט דער רבי פארטיילט שיריים פון די זרוע לסגולה לזיווג הגון בקרוב. אזוי אויך האט מען געזינגן שושנת יעקב. ברכת המזון על הכוס האט דער רבי מכבד געווען בנו הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א. שיר המעלות הב' שמואל אלחנן ב"ר משה אשר ראזענבערג נ"י.

## שבת קודש - א' דחוהמ"פ

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול און געצינדן די נרות שבת.

צו מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי האט געדאווענט קבלת שבת ומעריב, דערנאך ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן א גוט שבת פאר כל הקהל הקודש.

ארום א האלבע שעה נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור. הגבהת הכוס צו קידוש האדמו"ר מ'זידיטשוב פרעמיסלא שליט"א.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן די חשובי פני העדה. מען האט געזינגן די זמירות אויף די ניגונים וואס מען זינגט בשבת שחל ביו"ט.

דער רבי האט געבענטש על הכוס, שיר המעלות הב' שלום בה"ר יואל בער לאבין נ"י תלמיד ישיבה גדולה. דערנאך האט דער רבי פארטיילט די פירות פאר כל הקהל הקודש, נאך רננו

צדיקים האט רבינו שליט"א געווינטשן א גוט שבת.

✦

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו לרגל די בעפארשטייענדן יארצייט פון אמו ע"ה. שחרית האט געדאווענט מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו מגבאי ביהמ"ד הגדול, לרגל די יארצייט פון זיין טאטע ע"ה. דער רבי האט פארגעזאגט הלל פארן עמוד.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, לוי הב' ב"ר מוה"ר ישראל הערש פריעדמאן הי"ו, שלישי מוה"ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו, רביעי מו"ה שלום אלי' ברש"י פעלבערבוים הי"ו, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי החתן חיים נחום ב"ר נפתלי יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו, ששי מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו, שביעי הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו. אחרון מוה"ר שמואל יעקב פעלבערבוים הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען רבינו שליט"א, לרגל די בעפארשטייענדן יארצייט פון זקינתו הרבנית הצדיקת זעלדא ז"ל אם רבינו השרף זי"ע, וואס געפאלט אסרו חג.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר מענדל פריעד הי"ו פון מאנסי.

✦

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש. הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר זיידא ישראל יצחק מאירוביץ הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא סג"ל שליט"א, בן רבינו שליט"א ור"מ בישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק. שיר המעלות הב' טובי' ב"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ נ"י.

✦

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מנחה מוה"ר יואל יוסף טעללער הי"ו פון לאנדאן.

די עליות האבן עולה געווען ראשון מוה"ר חיים משה מאיר סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, שני הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי, שלישי הרה"ח ר' שלמה גוטמאן הי"ו פון קרית יואל. הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מו"ה חיים אלתר אינדיג הי"ו פון מאנסי.

דערנאך האט זיך דער רבי געוואשן צום סעודה שלישית בהיכל ביהמ"ד הגדול. מיט קידוש האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו מגבאי ביהמ"ד הגדול.

דער רבי האט פארגעזאגט די זמירות מיטן יו"ט'דיגן נוסח, און משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו, הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו, הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק. שיר המעלות הב' יעקב יוסף ב"ר ראובן מנחם שווארץ נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב און דערנאך געמאכט הבדלה. הגבהת הכוס הרה"ח ר' שלמה גוטמאן הי"ו, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר יעקב יחזקי' טויב הי"ו פון קרית יואל.

נאך די סדר הבדלה ופיוטים האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בביתו נאוה קודש.

## מוצש"ק חוה"מ

ביים שלחן הטהור סעודת מלוה מלכה בהיכל הטישן, וואו עס איז סערווירט געווארן א שיינע סעודה פאר כל הקהל הקודש, דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן, געטיילט שיריים און געווונטשן לחיים. און משמיע געווען דברות קודש.

מיט די כיבודים זענען מכובד געווארן: אתה בחרתנו הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א פון מאנטריאל, אתה אחד הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, בצאת ישראל הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, והיא שעמדה הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א ראה"ח עבודת מאנטריאל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' מרדכי ווידער הי"ו לרגל די יא"צ פון אביו ע"ה. שיר המעלות הב' אלעזר ארי' ב"ר אשר לעמיל סג"ל יונגרייז נ"י.

נאכן טיש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט מועד' פארן גאנצן ציבור.

## זונטאג - יום ב' דחוה"מ

צו שחרית איז צוגעגאנגען צום עמוד הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי, דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל. די צווייטע ספר תורה האט געטראגן צום בימה הר"ר יעקב ישראל ברוך גוטמאן שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' מרדכי מאיר הכהן לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, לוי הרה"ח ר' יעקב שמואל סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א. הגבה אויפן ערשטן ספר מו"ה יואל פריעדמאן הי"ו, גלילה מו"ה יעקב נחמי' צבי סג"ל קרויס הי"ו. רביעי הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הגבה אויפן צווייטן ספר מו"ה שבתי אליעזר שטערן הי"ו פון בארא פארק, גלילה מו"ה שלמה לייב גראס הי"ו.

מוסף האט געדאווענט פארן עמוד מוה"ר משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק.

ביים שלחן הטהור נאכן דאווענען זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: אתה בחרתנו מוה"ר חיים מאיר לעבאוויטש הי"ו פון מאנטריאל, אתה אחד הרה"ח ר' אפרים ארי' כ"ץ הי"ו,

בצאת ישראל מוה"ר בנימין פישער הי"ו, והיא שעמדה מו"ה יואל פריעדמאן הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, שיר המעלות הב' ישראל מענדל וויינשטיין ני"ו פון קרית יואל.

⋄

נאכמיטאג האט דער רבי אויפגענומען די פריש אנגעקומענע אורחים החשובים לברך ולהתברך.

ביים שלחן הטהור נאכמיטאג זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: אתה בחרתנו הרה"ג דומ"ץ פשעווארסק שליט"א פון לאנדאן, אתה אחד הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, בצאת ישראל הרה"ח ר' חיים הערש פרענקל הי"ו פון קרית יואל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען גיסו הגדול כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שיר המעלות הב' ב"ר חיים הערש פרענקל הי"ו.

דערנאך האט מען געדאווענט מנחה מעריב אין ביהמ"ד הגדול, צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר ישראל יעקב לאנדאוי הי"ו פון מאנסי, דער רבי האט פארגעציילט ספירה ביים עמוד.

## מאנטאג - יום ג' דחוה"מ

אינדערפרי איז דער רבי אריינגעקומען צום דאווענען בהיכל ביהמ"ד הגדול. צו שחרית איז צוגעגאנגען צום עמוד מו"ה יוסף דוד סג"ל קרויס הי"ו, דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל. די צווייטע ספר תורה האט געטראגן צום בימה מוה"ר יואל כהנא הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר נפתלי צבי ברוך לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, לוי מוה"ר אליעזר זוסיא סג"ל קרויס הי"ו חבר מקהלת המנגנים, שלישי הרה"ח ר' יעקב הערש אדלער הי"ו פון וומסב"ג. הגבה אויפן ערשטן ספר מו"ה יודא עהרענפעלד הי"ו פון מאנסי, גלילה מו"ה משולם זושא זילבער הי"ו פון וומסב"ג. רביעי הרה"ח ר' חיים הערש פרענקל הי"ו פון קרית יואל, הגבה אויפן צווייטן ספר מוה"ר יואל שטערן הי"ו פון בארא פארק, גלילה מו"ה מאיר סג"ל קרויס הי"ו פון אריזאנע.

צו מוסף איז צוגעגאנגען מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו חבר הנהלת ת"ת. נאכן דאווענען האט דער רבי געוואונטשן פארן ציבור 'א גוט מועד'.

ביים טיש נאכן דאווענען זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: אתה בחרתנו הרה"ג דומ"ץ טאב שליט"א, אתה אחד הרה"ג ר' נפתלי הירצקא זילבערמאן שליט"א פון מאנטריאל, והיא שעמדה הרה"ח ר' יעקב הערש ווייס הי"ו פון מאנטריאל.

במשכ'ן טיש האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים






הערש פראנקל הי"ו פון קרית יואל אויפצוטרעטן.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ראש הכולל טאב שליט"א.

◆

נאכמיטאג האט דער רבי אויפגענומען די פריש אנגעקומענע אורחים החשובים לברך ולהתברך.

ביים שלחן הטהור נאכמיטאג זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: אתה בחרתנו הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א, אתה אחד הרה"ג ר' דויד שלמה סג"ל יונגרייז שליט"א, בצאת ישראל הרה"ג ר' עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט"א מרבני בית מדרשינו מאנטריאל, והוא שעמדה הרה"ג ר' מאיר משולם האלבערשטאם שליט"א בן אב"ד צאנז שליט"א חתן אב"ד ראשית חכמה שליט"א פון מאנטריאל, חסל סידור פסח הרה"ג ר' יחזקאל שנעעבלאג שליט"א חתן אב"ד ראשית חכמה שליט"א.

במשכ'ן טיש האט מען געזינגן קה אכסוף לכבוד די יארצייט פונעם בעל מחבר זצ"ל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ ר' יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א אב"ד ראשית חכמה שליט"א, שיר המעלות הב' רפאל ב"ר אהרן פריעד ני"ו.

דערנאך האט מען געדאווענט מנחה מעריב אין ביהמ"ד הגדול, צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו גבאי בית מדרשינו קרית יואל, דער רבי האט פארגעציילט ספירה ביים עמוד.

## דינסטאג - יום ד' דחוה"מ

אינדערפרי איז דער רבי אריינגעקומען צום דאווענען בהיכל ביהמ"ד הגדול. צו שחרית איז צוגעגאנגען צום עמוד מו"ה משולם פייש קרויס הי"ו, דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל. די צווייטע ספר תורה האט געטראגן צום בימה הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א ראה"ח עבודת עבודה מאנטריאל.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר יחזקאל שרגא קאהן הי"ו פון מאנסי, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו. הגבה אויפן ערשטן ספר מו"ה הערשל גאלדבערגער הי"ו פון מאנטריאל, גלילה מוה"ר יואל סאנדעל הי"ו. רביעי הרה"ח ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו פון מאנטריאל, הגבה אויפן צווייטן ספר מוה"ר יחזקאל ווייס הי"ו פון מאנטריאל, גלילה מו"ה יוסף צוויבל הי"ו.

צו מוסף איז צוגעגאנגען הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן. נאכן דאווענען האט דער רבי געוואונטשן פארן ציבור 'א גוט מועד'.






## ליל שביעי של פסח

שביעי של פסח פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען אין ביהמ"ד פארן זמן הדהל"נ און געצינדן ליכט ביים עמוד, די לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די נרות יו"ט.

צו מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א. דער רבי איז צוגעגאנגען צו מעריב, מען האט געזינגען דעם ניגון המקובל ביי 'ואמונה כל זאת' מיט גרויס דערהויבנקייט. נאכן דאווענען איז דער גאנצער עולם אריבער וואונטשן 'א גוט יו"ט'.

⋄

דער רבי האט זיך געוואשן צום שלחן הטהור בהיכל הטישן, און במשכ'ן סעודה פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, מען האט געזינגען זמירות און פאסיגע ניגונים לכבוד יו"ט.

מיט ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אב"ד קלוזש שליט"א.

דערנאך איז מען אריבער אין ביהמ"ד הגדול וועלכע איז געווען פיל מקצה אל הקצה, וואו גאר א גרויסע ציבור זענען זיך צוזאמגעקומען צום שלחן הטהור ושירת הים וואס איז פארריבער זייער דערהויבן, מען האט געזינגען ווארימע ניגוני דביקות. דער רבי האט משמיע געווען פייערדיגע דב"ק, זייענדיג מעורר רחמים געווען אויף כלל ישראל, אריינטייטשנדיג אין די פסוקים פון די שירת הים, בגודל קדושת הלילה, אנוואונטשענדיג ישועות ורפואות לנו ולכל ישראל.

נאך די דב"ק האט מען ממשיך געווען מיט נאך ניגוני התעוררות, און הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק האט פארגעזינגען די ניגון המקובל 'ואמונה כל זאת'.

וינועו אמות הסיפים ווען דער רבי האט פארגעזאגט די שירת הים בקול אדיר וחזק, מיט גרויס התעוררות, ווען די גאנצע ביהמ"ד האט געדונערט, און די עולם זאגט נאך מיט א געוואלדיגע דערהויבנקייט, שפירנדיג דעם זה קלי ואנוהו אלקי אבי וארוממנהו, ואשרי עין ראתה כל אלה.

תיכף נאך די שירה האט זיך דער גאנצער עולם ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודין 'בבקעך ים סוף'. נאך די ריקודין איז מען אריבער נעמען די 'ביזת הים מצות' לסגולה ולשמירה מידי קדשו פון רבינו שליט"א פאר א לענגערע צייט, ווען די מקהלות המנגנים פירן ווייטער אן מיט די לעבעדיגע ניגונים לכבוד יו"ט.

ארויסגייענדיג פון ביהמ"ד האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט יו"ט' פארן גאנצן ציבור.

## יום שביעי של פסח

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט פארן עמוד פסוקי דזמרה, און פארגעזאגט די שירה מיט גרויס התעוררות, זינגענדיג די ניגון המקובל כנהוג.

שחרית האט געדאווענט מוה"ר אליעזר זוסיא סג"ל קרויס הי"ו חבר מקהלת המנגנים. דער רבי האט פארגעזאגט הלל פארן עמוד.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר יחזקאל שרגא קאהן הי"ו פון מאנסי, לוי מוה"ר נחמי' צבי סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, שלישי מוה"ר יהוסף מרדכי מערמעלשטיין הי"ו פון מאנטריאל, רביעי הב' יואל קליין ני"ו פון מאנסי, חמישי-שירה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א.

הגבה אויפן ערשטן ספר תורה מוה"ר יקותיאל שמואל ברוין הי"ו פון שיקאגא, גלילה הב' בן מו"ה משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען האדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א. הגבה אויפן צווייטן ספר תורה מו"ה אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו פון טאראנטא, גלילה מוה"ר חיים שיינער הי"ו פון טאראנטא.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א. פאר'ן דוכנ'ען האט דער רבי אפגעגאסן די כהנים גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, און הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' חיים זרח פריעד הי"ו פון לאנדאן. נאכן דאווענען איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן 'א גוט יו"ט' פאר כל הקהל הקודש.

⋄

קורץ דערנאך איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, ווי ס'געווען צוגעגרייט א ברייטע סעודה פאר אלע אורחים החשובים, דער רבי האט געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און מען האט געזינגען זמירות שב"ק ויו"ט, און פאסיגע ניגונים.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען גיסו אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א, שיר המעלות הב' שמעון ב"ר יושע יצחק גרינוואלד ני"ו.

## ליל אחרון של פסח

פאר מנחה האט אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א פארגעלערנט בעניני דיומא.

ליל אחרון של פסח האט געדאווענט תפילת מנחה פארן עמוד העסקן מוה"ר שלמה יואל גרינהוט הי"ו.

דער רבי מכבד געווען מיט תפילת מעריב מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה וועלכע איז געפאלן בו ביום. דער רבי האט פארגעציילט ספירה ביים עמוד. נאכן דאווענען איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן 'א גוט יו"ט' פאר כל הקהל הקודש.

דער רבי האט זיך געוואשן צום שלחן הטהור בהיכל הטישן, און במשכ'ן סעודה האט מען געגעסן מאכלי געבראקטס כנהוג.

דער רבי האט פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, מען האט געזינגען זמירות און פאסיגע ניגונים לכבוד יו"ט.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו. שיר המעלות הב' יעקב יוסף ב"ר ראובן מנחם שווארץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

## יום אחרון של פסח

אינדערפרי האט געדאווענט פסוקי דזמרה פארן עמוד מו"ה משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו, צו שחרית איז צוגעגאנגען מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, דער רבי האט פארגעזאגט הלל ביים עמוד מיט גרויס התעוררות.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מו"ה חיים אלי' פריעד הי"ו פון מאנטריאל, לוי מוה"ר משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק, שלישי מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, רביעי הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, חמישי מוה"ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו.

הגבה אויפן ערשטן ספר תורה מו"ה אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו פון טאראנטא, גלילה מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק.

מפטיר האט עולה געווען רבינו שליט"א. הגבה אויפן צווייטן ספר תורה מו"ה חיים שיינער הי"ו פון טאראנטא, גלילה מוה"ר חיים נחום מערמעלשטיין הי"ו.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען מו"ה משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו, פאר'ן דוכנ'ען האט דער רבי אפגעגאסן די כהנים גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, און הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר משולם פייש גובנער הי"ו פון לאנדאן. נאכן דאווענען איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געווואונטשן 'א גוט יו"ט' פאר כל הקהל הקודש.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בביתו נאוה קודש, וואו ס'געווען צוגעגרייט א ברייטע סעודה פאר אלע אורחים החשובים לכבוד יו"ט, אזוי אויך מאכלי געבראקטס כנהוג, דער רבי האט געטיילט שיריים פון אלע מאכלים. במשכ'ן סעודה האט מען געזינגען די ניגונים פון יו"ט.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן. שיר המעלות הב' אלימלך ב"ר יואל אלחנן פאפלאנאש ני"ו.

◆

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מו"ה יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק.

נאך מנחה האט זיך דער גאנצער עולם געוואשן צום נעילת החג טיש, וואו עס איז געווען צוגעגרייט א סעודה פאר כל הקהל הקודש, דער רבי האט זיך געוואשן, געטרינקן און געוואונטשן לחיים, און פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים. ווען במשכ'ן טיש האט מען געזינגען ווארימע ניגונים, און הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א האט פארגעזינגען די אידישע חרוזים אויפן 'כה אמר' ניגון.

מען האט געזינגען די גאנצע סדר הגדה, און דער רבי האט פארגעזאגט לשנה הבא בירושלים, און מען האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע ריקודין עילאין, וקרב פזורינו, יבנה המקדש, ישועת השם כהרף עין, מיט א תפלה צום קל חי מיטצונעמען די אורות פונעם הייליגן יו"ט פאר א גאנץ יאר, און שוין זוכה זיין צום גאולה שלימה במהרה בימינו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א. שיר המעלות הב' יואל קליין ני"ו.

## מוצאי יום טוב

דער רבי האט געדאווענט מעריב פארן עמוד, לרגל די יארצייט פון זקינתו הרבנית הצדיקת זעלדא ז"ל, נאך מעריב איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן פארן גאנצן ציבור 'א גוט יאהר', און דערנאך געמאכט הבדלה. הגבהות הכוס צו הבדלה מוה"ר מרדכי סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג.

נאך הבדלה האט דער רבי פארגעלערנט משניות לרגל די יארצייט.

כאשר זכינו לסדר אותו כן נזה לעשותו - מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס!

## עש"ק שמיני ב' - אסרו חג

דער רבי האט געדאווענט אלע תפילות פארן עמוד, לרגל די יארצייט פון זקינתו הרבנית הצדיקת זעלדא ז"ל, די מאמע פון רבינו השרף זי"ע.

נאך שחרית איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן הרה"ג ר יוסף מענדל האס שליט"א ר"מ בישיבה קטנה אוה"ח, און פון בן מוה"ר משה מרדכי פריעדמאן הי"ו פון וויליאמסבורג. דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די בר מצוה בחורים און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## שב"ק פר' שמיני ב'

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל הטישן זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: בני וחתני רבינו שליט"א, הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א, הגה"צ רבי אברהם יודא שליט"א, הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א, הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א, הגה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

רבינו שליט"א האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו לרגל די יארצייט פון אביו ע"ה. שחרית האט געדאווענט מו"ה יחזקאל מרדכי ראזענצווייג הי"ו פון וומסב"ג, לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הב' שמעון ני"ו בה"ר נחמן כהנא שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו, שלישי מו"ה משולם זושא זילבער הי"ו פון וומסב"ג, רביעי הגה"צ רבי זאב ראזענבוים שליט"א חדב"ן, חמישי מוה"ר יואל יוסף טעללער הי"ו פון לאנדאן, ששי הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו, שביעי העסקן מוה"ר אלימלך ראזענצווייג הי"ו, הוספות: העסקן מוה"ר אברהם ברוינער הי"ו, מוה"ר יחזקאל מרדכי ראזענצווייג הי"ו, אחרון הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א ר"מ בישיבה גדולה, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. דער רבי האט עולה געווען מפטיר לרגל די יארצייט פון זקינתו הרבנית הצדיקת מינדל ז"ל אשת רבינו השרף זי"ע. הגבה מו"ה חיים שיינער הי"ו פון טאראנטא.

דער רבי האט געבענטשט ראש חודש מיט גרויס התעוררות. צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די אורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א חדב"ן.

אז ביום השביעי הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א פון מאנסי נכד רבינו שליט"א, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ רבי זאב ראזענבוים שליט"א חדב"ן.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרב חיים מרדכי ראזענבוים שליט"א נכד רביה"ק זי"ע לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה. די עליות האבן עולה געווען: ראשון החתן אשר ענזיל ב"ר יעקב געלב ני"ו תלמיד ישי"ג, שני החתן משולם פייש ב"ר יעקב פויגעל ני"ו תלמיד ישי"ג, שלישי החתן שמשון בה"ר יצחק יודא גוטמאן ני"ו תלמיד ישי"ג. הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ג ר' אהרן הערש שטעסל שליט"א מנהל בת"ת, הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א ר"מ בישי"ג, הרה"ח ר' שלמה גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו מגבאי ביהמ"ד הגדול.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א, שיר המעלות הב' ישראל ב"ר משולם פייש קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען רבינו, און דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב' נפתלי צבי בה"ר זאב ראזענבוים שליט"א חדב"ן, די הבדלה האט געהאלטן מו"ה וואלף וויינשטאק הי"ו.

דער רבי האט מכבד געווען אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א צו דערציילן סיפורי צדיקים.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.










היה היה דבר ה' אל יחזקא"ל
ה"ה ידידינו הנכבד איש האשכולות, טוב ומטיב עושה גדולות, פועל במסירות, למען הצלחת בית מקדשינו,
מוה"ר יחזקאל ווייס הי"ו
חבר קרן הבנין דבית מדרשינו
ומשפחתו החשובה
מוה"ר נתן פייטל פאשקעס שליט"א
פטרון ובריחי התיכון דבית מדרשינו רבות בשנים
לרגל השמחה הגדולה
הכנסת בנם/נכדו
שמען
לעול התורה והמצוות
הנהלת קרן הבנין


בס"ד
בשיר וקול תודה נברך
הרב החסיד המפואר והנעלה
מוה"ר
שמואל יעקב פעלבערבוים
הי"ו
חבר וועד ביהמ"ד התאחדות אברכים
בהולדת נכדתו תחי' למז"ט
מזל טוב! נחת לרוב!
מרדכי ווידער - אליעזר זוסיא קרייס
יואל זוסמאן פישער - יוסף חיים מארקאוויטש


בס"ד
כולל ערב
ביהמ"ד אהל אלימלך דטאהש
מאנטריאל יצ"ו
בשיר ובשבחה, בכל שפת לשון והנחה, ובכל תואר של ברכה, נביע רנה ושבחה, למעלת כבוד האי גברא רבא בר הכי,
ה"ה ידידינו הרבני הנגיד הנכבד רודף צדקה וחסד
מו"ה זלמן דוב ניימאן הי"ו
מחשובי תומכי כולל ערב דבית מדרשינו
אשר זיכה רבים וזכה מצוה בהידורה, לחזק ולרומם בית ה' אוזר ישראל בגבורה, להגדיל תורה ולהאדירה, בקנותו זכות
פרנס היום
בכוללינו המפוארה
ליום ה' תזו"מ
לע"נ אביו ר' שלום עזריאל בן ר' יעקב מאיר ע"ה
ולע"נ זקינתו האה"ח דבורה בת משה אהרן ע"ה
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים
נישא לבבינו אל כפים, שיברכהו ה' ויגמול בכפלי כפליים, והזכות של הרמת קרן התורה התמידין כסדרן בכל הערבים, בבית מדרשו של רבינו נשמתו במרומי שמים, יעמוד לו להתברך בברכות מלא חפניים, עדי נזכה לראות בבנין ציון וירושלים, ומלכינו בראשינו בב"א.


בס"ד
יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשנו
מוה"ר
אהרן צבי שטעסל
שליט"א
מנהל רוחני
בשמחת אירוסי בתו למזל טוב
מזל טוב! נחת לרוב!
ההנהלה | המלמדים | התלמידים




קהל אור החיים ד'טאהש

בחדוה עילאה רשפי אש קודש, הננו בזה להודיע
לכל הקהל הקודש די בכל אתר ואתר אשר לקראת יום הגדול

# ל"ג בעומר

יערוך בעזהשי"ת
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# מעמד הדלקה

לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי זיעועכי"א

## ליל ב' פר' בה"ב

ברוב עם הדרת מלך זקנים עם נערים

ברחבת בניני מוסדותינו הקדושים
**תיכף אחר מעריב בשעה 9:40**

**תפלת מנחה בשעה 9:00**
ואח"כ מעריב בזמנה בהיכל ביהמ"ד הגדול

ויה"ר שזכות התנא האלוקי בעל הילולא יגן עלינו ועל כל ישראל, להשפיע שפע רב בכל העולמות, ולהתברך בכל משאלות לבינו לטובה, וכדאי רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק, עדי נזכה כולנו לובא לציון גואל ומלכינו בראשינו בב"א

**הנהלת הקהלה**

---

מזון הנפש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת אח"ק =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק תז"מ | דף פג. | דף עט: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף פג: | דף פ. | דף קע: | דף קסח. |
| מאנטאג | דף פד. | דף פ: | דף קעא. | דף קסח: |
| דינסטאג | דף פד: | דף פא. | דף קעא: | דף קסט. |
| מיטוואך | דף פה. | דף פא: | דף קעב. | דף קסט: |
| דאנערשטאג | דף פה: | דף פב. | דף קעב: | דף קע. |
| עש"ק | דף פו. | דף פב: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' שבוע שחל בו שבועות
חבורת ז' עמודים - פא. - צד:
חבורת ה' עמודים - קע. – סוף המסכת

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

---

## פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר **שאול יחזקאל האלפערין** הי"ו
(טאהש)

**לרגל הולדת נכדו
אצל חתנו מו"ה שלום אלי'
פעלבערבוים הי"ו**

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

## קול איחוד

מקושר פון איבעראל
טאהש
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950